עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

## קונטרס ט"ז

"בתוך עמי אנוכי יושבת"

# תוכן השיחה

די עבודה פון תפילה איז 'אַיִ'ן'
די ריכטיגע "טענות ואמתלאות"
א קוואל פון גוטסקייט
ס'טוט זיך מיט "כלל ישראל"..
"העלף אלע אידן – און אויך מיר"
"ברכת השנים בתשיעית"
די סדר פון "שמונה עשרה"
"רְפָאֵנוּ ה' – וְנֵרָפֵא"
די מחלה אליין איז די רפואה
"זיך געפינען" – זיין א חלק פון כלל ישראל
שו"ת אחרי השיעור

הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 0

© כל הזכויות שמורות

כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות
בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325
לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 6491 <1
ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 2<16
גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765

## מהנעשה והנשמע בקו רוחא דחיי

### מדור חדש "ראוי לו לשמוח כל השנה"

בעזהשי"ת יעלה לקו כל שבוע קטע קצר לעורר הלב
לשמוח במה שזכינו להיות בימי ראש השנה אצל רבינו הקדוש, בשלוחה 1 בכניסה למערכת

### שלוחה חדשה "קטעים מובחרים לפי נושאים"

בס"ד ניתן כבר לשמוע אוצר נפלא של קטעים קצרים מלוקט מתוך השיעורים
בשלוחה 2<4 בכניסה למערכת
(לעת עתה עלו לקו הנושאים כדלהלן התקרבות לצדיק, אחדות ואהבת חברים בין אנ"ש,
השמחה עם הר"ה אצל רבינו הק', אופן הלימוד ליקו"מ, שמחה, התבודדות, לימוד הלכה, אמונה.)
**שלוחה זו מתחדשת מדי פעם בהוספת קטעים מובחרים ועם הזמן יתוספו בעז"ה עוד נושאים וענינים שונים**

### מספר חדש לקו לתושבי ארה"ב

בס"ד לאחר רצונות רבים, עלה בידינו לסדר מס' לקו כדי שיוכלו להתקשר גם מארה"ב,
המספר הוא **518.794.2268**
המספר הישראלי הוא **02.3.02.47.43**

### אשרי תמימי דרך

לרגל התחדשות אצל כלל אנ"ש בהליכה עם תורה, עלה לקו קטעים מובחרים
בנושא ההליכה עם התורה ואפן הלימוד בעיון בספר הק' ליקו"מ, בשלוחה 1 בכניסה למערכת

# בתוך עמי אנוכי יושבת

## התפילה על כלל ישראל ועוד יסודות נפלאים

[שיחה שנמסרה בחבורת הבחורים – ג' וישלח תשפ"ב]

[[א]**לפני השיעור:** פון וואס האט מען גערעדט יענע וואך, וואס איז געווען דער נושא יענע וואך? (אחד הנוכחים: כל המתפלל על חבירו הוא נענה תחילה..) - אה. ס'איז געווען עפעס א נקודה וואס מ'האט מפסיק געווען אינמיטן, ס'איז געווען עפעס וואס מ'האט געהאלטן אינמיטן, מ'האט געמוזט מפסיק זיין..

(אחד הנוכחים: מ'האט גערעדט וועגן די ביטול פון **'אַיִן'**, **ביים דאווענען איז דא א בחינה פון 'אַיִן'..**) – יא, אבער איך געדענק נישט וואס, איינער האט געפרעגט עפעס וואס מ'האט געדארפט מער מבאר זיין, עפעס א זאך וואס מ'האט געהאלטן אינמיטן מסביר זיין, מ'האט געמוזט מפסיק זיין.

שוין, מיר וועלן אריינגיין אין דעם ענין, אפשר דורך דעם וועלן מיר אנקומען. **ר' לוי יצחק** [בנדר] פלעגט דערציילן, אז ס'איז געווען אין אומן א ספר מיט חידושים

---

**א. הערת המערכת:** השיעור הנוכחי הוא המשך מהשיעור שהודפס ברוחא דחיי קונטרס י' (ג' ויצא תשפ"ב) שם נתבאר בהרחבה כל הענין של "אַיִן" ובחי' ההתכללות באי"ן שיש בתפילה וביאור ענין "המתפלל על חברו נענה תחילה" ועוד, עפ"י דברי רביה"ק בתורה כ"ב. והיות שכבר הבאנו שם בארוכה כל המ"מ והרחבות בנושא זה, כדי לא להכביד על הקריאה לא הבאנו כאן שוב את הדברים.

פון **ר' שמואל אייזיק'ן**[ב] דער רבינ'ס תלמיד, ער האט אויך געשריבן אויף די תורות פון רבי'ן. איז ר' לוי יצחק פלעגט זאגן[ג], אז מ'האט געזען דער חילוק צווישן ר' נתן'ס

---

**ב.** רבי שמואל אייזיק מדאשיב מגדולי תלמידי רבינו (בחיי"מ תמ"ב הוא מכונה "אחד מגדולי מקורביו"). רבי שמואל אייזיק מדאשיב היה **בעל מופת גדול מאד**, ואמרו אנ"ש, שעליו מסר רבנו אחריו את ענין **תיקון הנשמות** (שיש"ק הישן ג, רי"ח). **ר' שמואל אייזיק איז געווען א געוואלדיגער פייער, א געוואלדיגער ברען.** ר' נתן האט געזאגט - **"דער רבי האט געפירט ר' שמואל אייזיק'ן אויף א שארפן שווערד און ער איז בייגעקומען" (טעם זקנים קונטרס צ"א עמ' 19)**.

וראה בקונטרס ק"ט (עמ' ה'): ביים רבי'ן אליין איז געווען תלמידים וואס איינער איז נישט געווען גלייך צום צווייטן: רבי יודל איז געווען אן ענין אחר לגמרי; און רבי שמואל אייזיק איז געווען גאר אן ענין אחר לגמרי; און רבי נתן מיט רבי נפתלי'ן דאס איז געווען גאר אן ענין אחר. **יעדער איינער איז געווען א באזונדערע וועלט**. און דאס איז אלץ געגאנגען פון איין שורש, זיי האבן געזויגן פון איין בוים, פון איין שורש - און עס איז ארויסגעקומען פארשידענע צווייגן! אבער פונדעסטוועגן, ביים רבי'ן איז געווען - אז למשל, רבי שמואל אייזיק איז געווען טאקע רבי שמואל אייזיק, אבער ער איז נישט געווען קיין 'כלל מענטש' וואס די השארה פונעם רבי'ן זאל בלייבן ביי אים. ער איז געווען א צדיק, א געוואלדיגער מענטש, דער רבי האט אים איבערגעגעבן 'תיקון הנשמות', ער האט זיך געפארעט מיט די נשמות המתים. **"אין הימל פרעגט מען זיך אויך אן אין אים ווער עס זאל זיין קייסער"** - האט דער רבי געזאגט אויף אים. ער איז געווען א הימל מענטש און מטייל געווען אין די היכלות פון גן עדן. אבער דא אין דעם עולם - זיך פארען מיט 'נשמות החיים' און מחזק זיין - דאס איז געווען רבי נתן! דאס האט דער רבי איבערגעגעבן רבי נתן'ען!

**ג.** ראה בטעם זקנים קונטרס ס' (עמ' 3): **אלע תלמידים דעם רבי'נס האבן געזוכט, נאר פון דעסטוועגן איז געווען חילוקים אין דעם זוכן אויך. רבי נתן האט אזוי געזוכט דעם רבי'ן, אז אינגאנצן זיין געדאנק, אינגאנצן זיין מח - איז נאר געווען דער רבי! וואס ער האט געטוהן, וואס ער האט מחדש געווען, איז נאר געווען דער רבי אליין.**

רבי שמואל אייזיק איז געווען א געוואלדיגער מענטש, ער איז געוואלדיג געווען, א הויכער סארט מענטש, א הימל מענטש. ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט אויף זיין ספר - א ספר איז געווען פון אים, א ספר האט ער געמאכט ר' שמואל אייזיק, אין דעם ספר ברענגט ער אראפ א מאמר, אין סוף ברענגט ער "כמבואר בלקוטי מוהר"ן". האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט: דעם חילוק פון ר' נתן - ר' נתן ברענגט פריער דעם רבי'נס תורה און נאכדעם הייבט ער אן רעדן זיינע חידושים, אבער ער ברענגט פריער דעם רבי'נס תורה, דער תורה - אדער דער תורה. און 'ער' ברענגט א מאמר און דערנאך "כמבואר בלקוטי מוהר"ן".

חידושים מיט זיינע חידושים. דער חילוק איז געווען, אז ר' נתן הויבט אן אלעמאל ביי יעדער הלכה, ער הויבט אן פון רבי'ן, און פון דעם קומט ער שפעטער ארויס [מיט] אסאך חידושים. ביי אים איז געווען ער זאגט חידושים, און שפעטער איז ער אויכעט מצרף דעם רבי'ן.

ר' שמואל אייזיק איז געווען זייער גרויס - אבער מיר האבן א גרויסער לימוד דא, אז אלעמאל דארף מען אנהויבן פון רבי'ן, אז מ'הויבט אן פון רבי'ן קומט מען אן צום נקודה, קומט מען אן! זאג איך, הגם איך האב געוואלט רעדן פון דעם ענין דא, אבער איך געדענק נישט דעם ענין וואס מ'האט געוואלט רעדן, במילא וועט מען רעדן פון רבי'ן וועלן מיר אנקומען צום ענין בעז"ה!]

## די עבודה פון תפילה איז 'אַי"ן'

דער רבי זאגט א גרויסער יסוד דא[ד] (אין תורה כ"ב), אז דער יסוד פון די תפילה איז "**המתפלל על חברו והוא צריך לאותו דבר, הוא נענה תחילה**",

---

ובקונטרס נ' (עמ' 17): **וויפיל רבי נתן איז געווען גרויס ביים רבי'נס זאך, פונדעסטוועגן האט ער געוואוסט אז אויב ער וועט זיין אליין, אן דעם רבי'ן - איז גארנישט!** וועט גארנישט בלייבן! א 'נצחיות' אויף אייביג - איז נאר דער רבי! ממילא אויב ער וועט זיך חלילה אפטיילן, מאכן זיך עפעס אליין, וועט ער גארנישט האבן. דערפאר טאקע, די אנדערע תלמידים וואס האבן טאקע יא אזוי געטוהן - איז טאקע געווען יא (נפסק הדבר)!

אין אומאן איז געווען - איך האב דאס געזעהן - ער האט דאס געהאלטן 'ר' הירש לייב' (ליפל), איז געווען דארטן א 'כתב יד' פון 'רבי שמואל אייזיק'ן', א ספר, שיינער שמועס, צום סוף פירט ער אויס 'כמובא בלקוטי מוהר"ן', צום סוף! האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט: "דאס איז דער חילוק; 'רבי נתן' האט פריער אנגעהויבן מיט'ן ליקוטי מוהר"ן, דערנאך האט ער געזאגט זיין 'הלכה', אין אנהויב האט ער געבויעט - די הקדמה איז געווען 'ליקוטי מוהר"ן', 'רבי שמואל אייזיק' - ברענגט א גאנצן שמועס, און צום סוף - 'כמובא בלקוטי מוהר"ן'!

איז טאקע - אז דער רבי איז איבערגעבליבן - איז טאקע נאר דורך רבי נתן'ען! נאר דורך רבי נתן'ען! פארוואס? ווייל ער האט נישט געוואלט זיך אפטיילן פונעם רבי'ן מיט קיין שום זאך! וויפיל ער איז געווען פול מיט מעלות, אבער **"נאר דער רבי! נאר דער רבי!"**.

**ד.** ראה הערת המערכת בתחילת הקונטרס.

איינער איז מתפלל אויפן חבר, און ער דארף עס אויך האבן (די זאך וואס ער איז מתפלל אויף דעם), איז דאס אליין וואס ער איז מתפלל אויפן חבר, איז ווערט ער נענה תחילה.

דאס איז א [מאמר] חז"ל, נאר דער רבי זאגט אז דאס איז בעצם די זאך פון תפילה, ס'נישט [נאר] עפעס א געוויסע סארט סגולה אויף תפילה, נאר דאס איז תפילה. ווייל דער גאנצער זאך פון תפילה איז אז מ'ווערט נכלל אין דעם אויבערשטן, דאס איז תפילה[ה].

די גאנצע זאך פון תפילה איז נכלל ווערן אין 'אַיִן'!

דער חילוק פון תפילה מיט אנדערע פעולות וואס א מענטש טוהט, איז אז אנדערע זאכן וואס ער טוט, טוט ער 'כוחי ועוצם ידי', **ער טוט.** אבער תפילה איז, אז א מענטש ווערט נכלל אין דעם אויבערשטן, ער ווערט גארנישט (אַיִן), ער ווערט נכלל אין דעם אויבערשטן.

דער אויבערשטער אליין איז - מיר האבן נישט א השגה אין אויבערשטן, אבער דער אויבערשטער אליין - ווערט אנגערופן "**אין סוף**". די מציאות פון דער אויבערשטער ווערט אנגערופן "**אַיִן**"; דער אויבערשטער איז תכלית האַיִן, נעלם, נעלם אינגאנצן.. (- פון די גשמיות'דיגע מציאות און אירע כלי ההשגה).

די מידה וואס דער אויבערשטער איז אַיִן - הגם מיר פארשטייען אפילו נישט וועגן וואס מיר רעדן, אבער מ'האט אונז געגעבן אין מויל צו רעדן, צדיקים האבן אונז אריינגעגעבן אין מויל צו רעדן - די עניוות פון דעם אויבערשטן, דער אויבערשטער אליין איז אַיִן. און במילא אז מ'ווערט נכלל אין דעם אויבערשטן, ווערט מען נכלל אין די מידה פון אַיִן.

און דער אויבערשטער מיט דעם וואס ער איז אַיִן - האט ער באשאפן די וועלט, האט ער באשאפן "**יֵשׁ מֵאַיִן**".

---

**ה.** כמבואר שם בתורה כ"ב, שהתכלית להגיע לתפילת ה' ממש וכו'. [וראה בתורה ד' שזה בחי' ההתפשטות הגשמית של החסידים הראשונים בתפילתם וכו' שזה בחי' ההתדבקות בא"ס וכו'].

ס'הייסט, פאר אונז קוקט אויס אז "יש מאין" - מ'קען באשאפן א זאך יש מאין? פאר אונז, יעדער זאך הויבט זיך אן אז ס'האט א 'ישות', קען מען ארויסברענגען פון דעם 'יש מיש'. אבער ארויסברענגען פון אַיִן, האסט דאך גארנישט, פון גארנישט זאל ווערן עפעס? - אבער ביי דער אויבערשטער איז פארקערט, ווייל ער איז אַיִן, פון אַיִן קומט ארויס דער יֵשׁ ו.

דאס הייסט, ביי אונז: מיר מאכן פארקערט, ביי אונז גייט אז אלץ איז 'אין מיש', וואס מיר האבן, מאכט מען חרוב, דאס זענען מיר.. ביים אויבערשטן איז פונקט פארקערט: דער אַיִן, דאס איז דער "ראשית" פון אלעס, דאס איז דער "תחילה". דער אויבערשטער איז אַיִן, פון דעם קומט ארויס די בריאה וואס איז יֵשׁ.

עכ"פ, איז ווען א מענטש איז מתפלל איז ער זיך מדבק אין די מידה פון אַיִן, פון דעם ווערט [באשאפן] אלע ישועות. ווייל ער איז זיך מדבק אין דעם אויבערשטן, וואס ער איז א בורא, וואס ער באשאפט יש מאין - איז ווען דער מענטש ווערט נכלל אין דעם אויבערשטן מיט די מידה האט ער אויך די כוח צו באשאפן "יש מאין".

איז וואס איז די מידה? ווען א מענטש איז זיך אינגאנצן מבטל! און ווען זעט מען אז ער איז זיך אינגאנצן מבטל? ווען ער איז מתפלל אויף יענעם! ווייל ווען א מענטש איז מתפלל אויף זיך, בדרך כלל פעלט אין 'אַיִן'.

ווען ער שרייט, בדרך כלל די תפילה וואס איז שלא כהוגן, ער שרייט 'פארוואס גיבט מען מיר נישט?' - האסט טענות פארוואס מ'גיבט דיר נישט, איז זאגסטו אין אנדערע ווערטער, אז דו ביסט א 'יש'. דו טענה'סט 'הער זיך איין, איך בין דאך עפעס, דארף מען מיר געבן!' איז דאס אליין ברענגט אז ס'פעלט אין די סגולה (- די כח הרוחני) פון די תפילה, ווייל דער עיקר תפילה איז ווען מ'איז אַיִן.

---

ו. מכתב רבנו בעל"ת.

## די ריכטיגע "טענות ואמתלאות"

דער רבי זאגט[ז] דאך אז מ'דארף האבן טענות צום אויבערשטן, איז דא מענטשן וואס מיינען אז מ'דארף האבן טענות כאילו מ'דארף זיך מתרעם זיין אויפן אויבערשטן, 'גיבסט מיר נישט דאס, גיבסט מיר נישט דאס, גיבסט מיר נישט דאס'..

אבער נישט די טענות האט דער רבי געזאגט אז מ'דארף האבן צום אויבערשטן - די טענות וואס מ'דארף האבן צום אויבערשטן איז פארקערט! רבש"ע, איך בין גארנישט מיט נישט (אַיִן) - און דו טוסט דאך אזויפיל חסדים תמיד מיט מיר, דו טוסט אזעלכע חסדים מיט מיר, טוסט אזעלכע חסדים פאר מיר אפילו איך בין גארנישט מיט נישט.

אזוי ווי ס'שטייט אין די היינטיגע פרשה "**קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים.. אֲשֶׁר עָשִׂיתָ אֶת עַבְדֶּךָ**[ח]", אזויפיל חסדים וואס דו טוסט מיט מיר, איך בין נישט ווערד די חסדים. ביזסט דאך אזוי גרויס!! ס'איז דאך אזא מידה!

---

**ז.** ראה ליקו"מ כ"ה תנינא: הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וכו' וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ **בְּטְעָנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת בְּדִבְרֵי חֵן וְרִצּוּי וּפִיּוּס** לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרְבוֹ אֵלָיו לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת. ובשיהר"ן ס"ט: הִזְהִיר מְאֹד כַּמָּה פְּעָמִים עַל עִנְיַן הַשִּׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ וכו' לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן וכו' **וְיִשְׁתַּדֵּל לְהַמְצִיא לוֹ טְעָנוֹת וּבַקָּשׁוֹת עַל זֶה**. ובשבחי הר"ן אות י: עִקַּר עֲבוֹדָתוֹ אֲשֶׁר עַל יָדָהּ זָכָה לְמַה שֶּׁזָּכָה הָיָה רַק רִבּוּי הַתְּפִלּוֹת וְהַתְּחִנּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת וְהָרִצּוּיִים וְהַפִּיּוּסִים וכו' **וְהָיָה מְרַצֶּה וּמְפַיֵּס אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ וּמְבַקֵּשׁ וּמִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ בְּכַמָּה וְכַמָּה מִינֵי טְעָנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת שֶׁרָאוּי לוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּקָרְבוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ**, וְהָיָה רָגִיל בָּזֶה מְאֹד מְאֹד וכו' וְהָיָה מִתְפַּלֵּל וְטוֹעֵן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּכַמָּה וְכַמָּה מִינֵי טְעָנוֹת וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת שֶׁאָמַר מִדַּעְתּוֹ וּמִלִּבּוֹ כַּנַּ"ל שֶׁיְּזַכֵּהוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לַעֲבוֹדָתוֹ וכו'. וְכָל תְּפִלּוֹתָיו הָיוּ שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְהָיוּ לוֹ טְעָנוֹת גְּדוֹלוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל זֶה.

**ח.** בראשית לב, יא. וראה ברמב"ן: "קטונתי" לומר **כי קטון הוא מהיותו ראוי לכל החסדים שעשה עמו**, וכן "מי יקום יעקב כי קטון הוא", מהיותו יכול לסבול כל הנגזר עליו, וכן אמרו בבראשית רבה (עו ח) קטונתי - רבי אבא אמר איני כדאי.

פון וואו קומט די מידה? ווייל דער אויבערשטער אליין איז אַיִן. וואס איז דער שורש פון אלע גוטע מידות פון דעם אויבערשטן? - די מידה פון אַיִן, פון עניוות.

ס'שטייט "**ענווה גדולה מכולם**[ט]". וואס מער א מענטש האט עניוות, האט ער אלע גוטע מידות. אלע גוטע מידות קומט ארויס פון עניוות. פארוואס איז דער אויבערשטער א רחמן, און אלע גוטע זאכן - ווייל דער אויבערשטער איז אַיִן, נישטא ביי אים קיין קפידה, ס'איז נישטא ביי אים די אלע, ער איז אַיִן אינגאנצן - -

רבש"ע דו טוסט מיט מיר אזעלכע חסדים - פארוואס? ווייל דו ביזסט אַיִן; לאזסט זיך אראפ צו זיך אפגעבן מיט מיר.

א מענטש פרעגט, די אלע מחקרים איז זיי זייער שווער צו גלייבן דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט, אז דער אויבערשטער פארעט זיך מיט אונז. ווי קען זיין אזא זאך, דער אויבערשטער איז אזוי גרויס און פארעט זיך מיט אונז? א גרויסער מאן, פארעט זיך מיט אזעלכע קליינע לייט?! - אבער זיי ווייסן נישט אז "**במקום שאתה מוצא גדולתו של הקב"ה שם אתה מוצא ענותנותו**[י]".

---

**ט.** עבודה זרה כ: [וראה בליקו"ה ערלה ה, ד. ובהל' תפילין ו, ח.]

**י.** ראה בליקו"ה משא ומתן ד, ג: עִקַּר הַפְּגָם שֶׁל הָעוֹבְדֵי כּוֹכָבִים וְהַכּוֹפְרִים הוּא שֶׁאֵין מְצַמְצְמִין עֵינֵי דַּעְתָּם לַה' יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת רֻבָּם כֻּלָּם מַאֲמִינִים בִּמְצִיאַת ה' יִתְבָּרַךְ, אֲבָל עִקַּר הַכְּפִירוֹת שֶׁלָּהֶם הוּא בְּהַשְׁגָּחָה הַפְּרָטִיּוּת, כִּי אוֹמְרִים שֶׁה' יִתְבָּרַךְ גָּדוֹל וְנַעֲלֶה וּמְרוֹמָם וְנִשְׂגָּב כָּל כָּךְ עַד שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְצַיֵּר בְּדַעַת שֶׁה' יִתְבָּרַךְ יַשְׁגִּיחַ בְּזֶה הָעוֹלָם בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת. וְעַל-יְדֵי זֶה כּוֹפְרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ הַתָּלוּי בָּזֶה. אֲבָל בֶּאֱמֶת עַפְרָא לְפוּמַיְהוּ וְיִמָּלֵא פִּיהֶם חָצָץ. כִּי נִבְעָר לִבָּם מִדַּעַת אֲמִתִּי, כִּי הֵם מַטְעִים אֶת עַצְמָם כְּאִלּוּ הֵם מַגְדִּילִים וּמַגְבִּיהִים כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁאוֹמְרִים שֶׁלְּרֹב רוֹמְמוּתוֹ יִתְבָּרַךְ אֵין רָאוּי חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁיַּשְׁגִּיחַ עַל עוֹלָם הַשָּׁפָל הַזֶּה. וְתִפַּח רוּחָם וְנִשְׁמָתָם, כִּי הֵם רוֹצִים לְהַשִּׂיג גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ וּלְהָבִין דַּרְכֵי הַנְהָגוֹתָיו יִתְבָּרַךְ? כִּי אַדְּרַבָּה, זֶהוּ עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ וְרוֹמְמוּתוֹ, כִּי בִּמְקוֹם גְּדֻלָּתוֹ שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, כִּי כֹה אָמַר רָם וְנִשָּׂא שֹׁכֵן עַד וְקָדוֹשׁ שְׁמוֹ מָרוֹם וְקָדוֹשׁ אֶשְׁכּוֹן וְאֶת דַּכָּא וּשְׁפַל רוּחַ וְכוּ'. כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וְכוּ'. כִּי אִם הָיָה גַּדְלוּת ה' יִתְבָּרַךְ רַק כְּפִי הֲבָנַת דַּעַת הָאָדָם. אִם כֵּן חַס וְשָׁלוֹם, הָיָה קֵץ לְגַדְלוּתוֹ, כִּי דַּעַת הָאָדָם-בָּשָׂר וָדָם יֵשׁ לוֹ קֵץ

אדרבא, דער עיקר גרויסקייט פון דעם אויבערשטן איז גאר זיין עניוות. אדרבא; זיי זענען זיך מצייר דעם אויבערשטן אזוי ווי זייער מגושם'דיגן מח, זיי האלטן אז א גרויסער מענטש איז אזוי [אז ער לאזט זיך נישט אראפ צו די קליינע..], ווי דארף שוין אויסקוקן דער אויבערשטער אליין?! - זיי זענען מצייר אלעס לויט זייערע הקדמות. אבער דער אויבערשטער איז דאך בכלל נישט לויט זייערע הקדמות. דער אויבערשטער איז כולו אַיִן. **כולו אַיִ"ן!**

## א קוואל פון גוטסקייט

יעצט, ווי אזוי איז מען זוכה צו זיך מדבק זיין אין דעם אויבערשטן, ווי קען מען זיך מדבק זיין אין דעם אויבערשטן.. מ'קען זיך מדבק זיין אין דעם אויבערשטן? וואס איז דער קשר, ווי אזוי איז קען מען זיך בכלל מדבק זיין?! - נאר חז"ל זאגן[יא] אז מ'איז זיך מדבק אין אויבערשטנ'ס מידות, אז דו פירסט זיך מיטן אויבערשטנ'ס מידות - קענסטו טועם זיין דעם אויבערשטנ'ס מידות.

אז דו טוסט חסד, האסטו א השגה אין דעם אויבערשטנ'ס חסדים אויכעט. ביזסט זיך מתגבר אויף דיין אכזריות, ביזסט זיך מתגבר אויף דיין

---

וּגְבוּל, אֲבָל בֶּאֱמֶת דַּעְתּוֹ מְרוֹמָם מִדַּעְתֵּנוּ. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב, כִּי גָבְהוּ שָׁמַיִם מֵאָרֶץ כֵּן גָּבְהוּ דְרָכַי מִדַּרְכֵיכֶם וּמַחְשְׁבֹתַי מִמַּחְשְׁבֹתֵיכֶם וְעַל-כֵּן בֶּאֱמֶת אַדְּרַבָּא, זֶהוּ גְּדֻלָּתוֹ וְרוֹמְמוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא מְרוֹמָם וְנִשְׂגָּב לְמַעְלָה מִתְּפִיסַת דַּעַת הָאָדָם. עַד שֶׁלְּרֹב גְּדֻלָּתוֹ וְרוֹמְמוּתוֹ הוּא מַשְׁגִּיחַ בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית עַל כָּל דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, בְּכָל מָקוֹם עֵינֵי ה' צוֹפוֹת וְרוֹאוֹת.

**יא.** סוטה י"ד. [וראה בקונטרס י: ס'שטייט אז מען דארף זיך מדבק זין אין אויבערשטן "**וּבוֹ תִדְבָּק**" - ווי אזוי איז מען זיך מדבק אין אויבערשטן? ס'שטייט מען זאל זיך מדבק זיין אין זיינע מידות, "**הִדָּבֵק בְּמִדּוֹתָיו**".

אז מען איז זיך מדבק אין די מידה פון דער אויבערשטער, איז אז דער אויבערשטער איז אַיִן ביסטו אויך אַיִן. דו ווערסט אַיִן; קענסטו זיך מדבק זיין אין אויבערשטן!]

רע, קענסטו טועם זיין דעם אויבערשטנ'ס מידות. מיט דעם ביסטו זיך מדבק מיטן אויבערשטן - ביזסטו משיג דעם אויבערשטן דורך דעם.

איז אז מ'פירט זיך אליין מיט עניוות, קען מען משיג זיין דעם אויבערשטנ'ס עניוות. במילא אז א מענטש דאוונט אויפן צווייטן, ער טראכט נישט פון זיך. יענער דארף א ישועה [הגם איך דארף אויך א ישועה אבער איך טראכט נישט נאר פון מיר] - ער הויבט אן בעטן, ער בעט, ער בעט אויף יענעם. אינמיטן זעט ער, א מענטש קען ווערן א קוואל, א קוואל פון גוטסקייט..

ער דאוונט, שטייט און בעט אויף איינעם, ער בעט און ער בעט און ער בעט אויף אים. [און בדרך כלל אז מ'בעט אויף א צווייטן איז עס אן עצבות, מ'בעט פשוט, מ'בעט אויף יענעם, מ'בעט..] און פלוצלונג זעט ער, ער זעט אז ס'איז דא ביי אים א קוואל פון גוטסקייט, א קוואל פון עניוות; ער טראכט נישט פון זיך, ער טראכט נאר פון יענעם.

פון דעם הויבט ער אן משיג זיין דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט, דעם אויבערשטנ'ס עניוות, פון דעם קען ער [אביסל] פארשטיין וואס הייסט אז דער אויבערשטער טראכט נישט פון זיך בכלל, ער טראכט נאר פון מיר, ער טראכט פון מיר צו העלפן! – איז ער משיג דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט. ער איז משיג דעם אויבערשטנ'ס עניוות - -

און דאס איז די טענות וואס מ'טענה'עט צום אויבערשטן. מען טענה'עט נישט קיין טענות צום אויבערשטן אז ביסט מיר עפעס שולדיג. מען טענה'עט אים, לויט דיינע מידות, וואס מיר ווייסן דיינע מידות. איז באמת, מיר ווייסן אז דו, דער גרעסטער תענוג פאר דיר איז פאר אונז צו געבן, דער גרעסטער תענוג פאר דיר איז זאלסט אונז מוחל זיין אלע עבירות, זאלסט אונז ממלא זיין אונזערע אלע צרכים, אלע משאלות..

**דאס איז אונזערע טענות! ס'איז אנדערע סארט טענות, ס'איז טענות פון עניוות, פון שפלות - -**

און די טענות, וואס מער, וואס מער מ'איז מתפלל אויף יענעם, קען מען בעסער האבן טענות צום אויבערשטן. פון די סארט טענות קען מען אסאך מער בעסער האבן טענות צום אויבערשטן.

ווען איינער בעט, 'רבש"ע, איך וויל לערנען, איך וויל פארשטיין דעם לערנען, איך וויל האבן התמדה' - ער בעט דעם אויבערשטן, ער הויבט אן בעטן, איינמאל בעט ער, דעם צווייטן מאל איז ער שוין נערוועז.. ער האט שוין נישט וואס צו רעדן; נאר טענות, 'פארוואס גיבסטו מיר נישט?' - ער האט שוין נישט וואס צו רעדן, ער קען שוין מער נישט מאריך זיין בתפילה.

אבער אז ער וועט אנהייבן מתפלל זיין: **רבש"ע, נאר איך דארף? רבש"ע גאנץ כלל ישראל דארף! ס'איז דא אזויפיל אידן וואס דארפן האבן די בקשה, און נאך פיל בקשות..**

און אז מ'הויבט אן בעטן אויף כלל ישראל, ווערט דער מח פארברייטערט, ווערט דער מח פארברייטערט. ער בעט אויף כלל ישראל, ער בעט אויף די ישועות וואס אידן דארפן - און אינמיטן דערמאנט ער זיך 'איך דארף אויכעט' - בעט ער אויכעט פאר זיך.

## ס'טוט זיך מיט "כלל ישראל"..

[**שואל:** ביי זיך זעט מען הרחבות - אבער ביי כלל ישראל קען מען האבן א לעבעדיגקייט אין דעם און זעהן אז ס'פועל'ט וואס מ'האט מתפלל געווען?!]

ביי כלל ישראל זעט מען נישט קיין הרחבות? [**ש:** א מענטש איז נישטא ביי יענעם?] און צרות ווייסטו אז ער האט? נאר די צרות ווייסטו אז יענער האט?! אויב ווייסטו אז ער האט צרות, ווייסטו אז ער האט אויך הרחבות!

מ'קען א געוואלד רעדן פון די הרחבות, גאנצע מעשיות; מ'קען רעדן גאנצע מעשיות פארן אויבערשטן. מ'קען רעדן פארן אויבערשטן, ארומרעדן וואס ס'טוט זיך אויף דער וועלט,

**אויסבעטן, אויסבעטן, אויסבעטן...**

[אנשטאט צו זיצן חברים, מ'זיצט און מ'רעדט "פרשנות" (א מיינונג) אויף די וועלט, מ'רעדט סתם; געהאקט אין קאפ, דו ווייסט נישט וואס דו רעדסט בכלל.. – רעד צום אויבערשטן! אז דו רעדסט פארן אויבערשטן, רעדסטו באמת 'דברי חכמה'. הויבסט אן רעדן..

דאס איז איינע פון די זאכן אז מ'וויל געבן א "מודד" (א מעסטער) צו דו רעדסט צו די זאך? פארן אויבערשטן, קענסטו רעדן די ווערטער?!]

וועסט אנהייבן פראבירן וואס דו קענסט זאגן פארן אויבערשטן, ווערסטו זען אז מ'קען רעדן צום אויבערשטן. אסאך גוטע דיבורים, גלאטע דיבורים, ריכטיגע דיבורים, אסאך דיבורים! מ'קען רעדן וועגן די וועלט.. רעד, רעד!

**רעד! נישט סתם קאך זיך! רעד געשמאקע דיבורים!**

"רבש"ע, האסט אונז אויסגעקליבן פון אלע פעלקער, ווילסט דאך עפעס דא פון אונז, ווילסט דאך עפעס. האסט אונז געגעבן די תורה, האסט אונז בוחר געווען פון אלע פעלקער, מיר זענען 'מזרע אברהם יצחק ויעקב', א הייליגע פאלק.

האסט אונז ארויסגענומען פון מצרים, האסט אונז געגעבן די הייליגע תורה, האסט אונז אריין געברענגט אין ארץ ישראל, האסט אונז געבויעט א בית המקדש, האסט אונז געגעבן צדיקים. מיר האבן געזינדיגט, האסטו אונז געשטראפט, אונז פארטריבן, האסט אונז ווייטער געשיקט מקרב זיין און האסט אונז געגעבן צדיקים זאלן אונז מקרב זיין. האסט אונז געשיקט שטראף, האסט אונז שפעטער געהאלפן, געמאכט ניסים, געגעבן חנוכה, געגעבן פורים, געגעבן ישועות."

דערצייל דעם אויבערשטן: האסט אונז צושפרייט צווישן אלע גוים, שפעטער האסטו אונז געברענגט דא אין ארץ ישראל, מיר געפינען זיך שוין אין א"י אבער מיר ליידן נאך דא. ס'איז נאך דא פיל, פיל פיל קליפות, פיל

רע וואס איז שולט אויף א"י. אפילו ערב-רב, פיל אויסגעמישט מיט די אידן. מיט אזויפיל שוועריגקייטן ארום די קדושת א"י, אזויפיל שוועריקייטן מיט קדושת ירושלים. דו ווילסט אונז העלפן, דו ווילסט אונז מאכן אידישקייט דא אין א"י. פון אנדערן זייט איז דא אזויפל התגברות, רבש"ע וואס וועט זיין דא..

מ'בעט! מ'קען אויסבעטן אויף די אלע זאכן, בעט עס אויס!

"רבש"ע העלף אונז, שטארק אונז, ראטעווע אונז פון אונזערע שונאים, ראטעווע אונז פון די וואס ווילן אומברענגען דעם דת, שטארק אונז דעם דת, זיי מקרב אידן, ברענג אידן זאלן תשובה טאן".

**מ'בעט! מ'בעט, ס'איז דא אסאך וואס צו בעטן - -**

[**שואל:** ס'איז דא גאר אסאך מאל, אז מ'איז מתפלל אויף געוויסע מענטשן און איך ווייס נישט צו ס'רוקט זיך ביי זיי די זאכן..] **פארוואס ווייסטו נישט?** [**שואל:** כ'האב געהערט אז ער האט עפעס א צרה, אדער האט ער מיר דערציילט, אבער נאכדעם וויל ער נישט איך זאל זיך מישן..]

אבער אָן דעם ווייסטו אויכעט אסאך ישועות וואס דער איד האט. יעדער איד, וואס דו ווייסט - פונקט ווי דו ווייסט פון עפעס א צרה ווייסטו אויך פון הרחבות, ער איז ארומגענומען מיט גוטס אויך.

[שואל: יא, אבער מ'איז מתפלל אויף כל מיני זאכן, געוויסע פרטי'שע זאכן..] בסדר, אבער ס'איז דא זאכן וואס דו קענסט אויך קוקן אויף צו דאנקען, ס'איז דא אויך וואס צו קוקן. וועסט קוקן וועסטו אויכעט פארשטיין, וועסטו זעהן אז ער דערציילט דיר יא, וועסט זיך אינמיטן כאפן אז ס'איז דא זאכן וואס ער האט דיר שוין דערציילט הרחבות. אמאל האט ער דיר דערציילט עפעס, און יענע צרה האט אים שוין דער אויבערשטער געהאלפן, יעצט בעט ער אויף א צווייטע..

ס'איז דא! אז מ'גייט אריין, די אלע זאכן אז מ'גייט אריין אין דעם, זעט מען אז ס'איז אזוי, ס'יא אזוי[יב].. (- ס'איז דא נאכאנאנד הרחבות..)

[**שואל:** ס'איז א שווערע זאך צו בעטן אויף א צווייטן, מ'האט נישט קיין חיות אין דעם..] **האסט שוין פראבירט?! און פראבירן ווייס איך אויך נישט.. - טעמו וראו!** [פראביר וועסטו זעהן..].

[**שואל:** די התבודדות קען זיין אויף א צווייטן?]

פארוואס נישט?! דער תכלית התבודדות איז וועגן זיך, אבער אויב דער בעטן אויף א צווייטן איז א עצה פאר זיך, האט עס א שייכות מיט זיך. איך בעט דאך עס נישט, איך בין נישט געקומען איצטער רעדן און טראכטן וועגן יענעם - מיין קביעות איז פאר זיך אליין, אבער איך דארף דאך האבן דיבורים, און איך ווייס אז איינע פון די עצות וואס מאכט צו האבן די דיבורים איז אז מ'רעדט פון אנדערע אויכעט, און וועגן דעם רעד איך אויך פון אנדערע – איז פארוואס נישט?!

דער רבי האט אונז אויסגעלערנט דערציילן די הארץ, דאס איז מיין הארץ! דאס מאכט מיר די הארץ פאר א הארץ[יג]. אז מ'רעדט פון אנדערע, אז "**בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יֹשָׁבֶת**[יד]".

---

**יב.** ראה בליקו"ה כלאי בהמה ד

**יג.** ראה בשיחות הר"ן: רָאוּי שֶׁיַּרְגִּישׁ צָרַת יָחִיד מִכָּל־שֶׁכֵּן צָרַת רַבִּים חַס וְשָׁלוֹם, בְּלֵב. כִּי אֶפְשָׁר שֶׁיֵּדַע מֵהַצָּרָה חַס וְשָׁלוֹם, וְיוֹדֵעַ בְּבֵרוּר כְּאֵב הַצָּרָה חַס וְשָׁלוֹם וְעִם כָּל זֶה לִבּוֹ אֵינוֹ מַרְגִּישׁ הַצָּרָה כְּלָל. וְעַל־כָּל־פָּנִים **צָרַת רַבִּים חַס וְשָׁלוֹם, רָאוּי שֶׁהַלֵּב יַרְגִּישׁ כְּאֵב הַצָּרָה. וְאִם אֵינוֹ מַרְגִּישׁ צָרִיךְ לְהַכּוֹת הָרֹאשׁ בְּקִיר הַיְנוּ לְהַכּוֹת הָרֹאשׁ בְּקִירוֹת לְבָבוֹ** כַּמּוּבָא בְּמָקוֹם אַחֵר (חיי"מ ע"ג) וְהָבֵן הֵיטֵב.

**יד.** מלכים ב' ד, יג. וראה בזוהר חדש רות: רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אָמַר, מַה כְּתִיב בַּשּׁוּנַמִּית. **"וַתֹּאמֶר בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יוֹשָׁבֶת". מִכָּאן, שֶׁצָּרִיךְ לְהַכְנִיס רֹאשׁוֹ לְתוֹךְ רַבִּים, וְלֹא יְהֵא נִרְשָׁם לְבַד.** ובבראשית דף ק"ס ע"ב: "וַתֹּאמֶר בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יוֹשֶׁבֶת" - מַאי קָאָמְרָה. לָא בָעֵינָא, לְמֶהֱוֵי רְשִׁימָאָה לְעֵילָא, **אֶלָּא לְאַעֲלָאָה רֵישָׁאי בֵּין סַגִּיאִין, וְלָא לְאַפָּקָא מִכְּלָלָא דִלְהוֹן.** וְכָךְ בָּעֵי לֵיהּ לְבַר נָשׁ, לְאִתְכְּלָלָא בִּכְלָלָא דְסַגִּיאִין וְלָא לְאִתְיַיחֲדָא בִּלְחוֹדוֹי, בְּגִין דְּלָא יִשְׁגְּחוּן עֲלֵיהּ לְאַדְכָּרָא חוֹבוֹי.

## "העלף אלע אידן - און אויך מיר"

ס'איז דא א ליד "**העלף אלע אידן און אויך מיר**" [אחד הנוכחים: רבש"ע פון רבי אהרן יוסף לוריא[טו]] אויף שמירת עיניים בעט ער דארטן, "העלף אלע אידן און אויך מיר". אזוי בעט מען: רבש"ע, העלף אלע אידן און מיר אויך! אויף שמירת עיניים און אויף אלע זאכן - העלף אלע אידן און מיר אויך. העלף אלע אידן; אלע בחורים זאלן האבן א געשמאק צו לערנען - און איך אויך. ס'איז א אנדער סארט שפראך צום אויבערשטן. מ'רעדט פון אלעמען, ס'איז א אנדער זאך!

ס'איז דא א לשון אין "**ספר המידות**", דער רבי זאגט מפורש דארטן, אז איינער וויל אויפהייבן זיין תפילה, ווער ס'וויל אויפהייבן זיין תפילה, זאל דאווענען אויף כלל ישראל.

די ערשטע זאך זאגט ער - אז איך האב געעפנט דא[טז] לאמיר שוין זעהן.. זאגט ער, "**מי שאין מתפלל על צרת ישראל נקרא חוטא**". "**מי שמלמד זכות**

---

ושם בדף מ"ד ע"א: וְעַל דָּא, לָא לִבָעֵי לֵיהּ לְאִינִישׁ, לְאִתְפָּרְשָׁא מִבֵּין עַמָּא לְעָלַם, **דִּבְכָל זִמְנָא רַחֲמֵי דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עַל עַמָּא כֻּלְּהוּ כְּחַד. וּבְגִינֵי כַּךְ אָמְרָה, בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יֹשָׁבֶת, וְלָא בְּעֵינָא לְאִתְפָּרְשָׁא מִנַּיְיהוּ.** (וראה בליקו"ה נט"י ו, פ"ט)

וראה במכתבי שמואל (א, כ): והנה מה שכבודו חושק וכוסף שאבוא אצליכם כדי לקרב נפשות להשי"ת ולהפיץ חסידות ברסלב בעולם, אמת אני משתוקק מאוד לזה לקרב נפשות להשי"ת אבל זה דבר שא"א אצלי לבוא אצלכם וכו'. ומה שכבודו כותב לי אולי זה רמזים מהשי"ת מסכנת מלחמה בארץ ישראל ח"ו, כדי לנסוע להפיץ דעת רבינו - הס מלהזכיר ח"ו, כבר כתוב **"בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יוֹשָׁבֶת"; וואס וועט זיין מיט אלע יודען וועט זיין מיט מיר אויך"**. (ועיי"ש דברים קילורין לעיניים מענין הבריחה מא"י בשעת מלחמה). וראה בנתיב צדיק מכתב י: ע"כ עוררו רחמים עליה כי אנו אין לנו להשען כי אם על השי"ת ועל חברינו היקרים כי כל אחד צריך להרגיש צרות חברו ולשמח בישועת חברו.

**טו.** בעל מח"ס "עבודת פנים" מחשובי חסידי סלונים בטבריא.

**טז.** בספר המידות ערך תפילה ח"א, אותיות נט - ס"ז.

**על ישראל, על ידי זה מעורר תשועה, והתשועה בא על ידו". "מי שמתפלל על ישראל, הקדוש ברוך הוא מכפר לו על כל עוונותיו".**

נאך א זאך: "**הקדוש ברוך הוא מבקש את האדם שיתפלל לפניו**", דער אויבערשטער בעט א איד, זיי מתפלל פאר מיר. טאמער האט איינער א ספק צו דער אויבערשטער וויל [זיין תפילה], דער אויבערשטער בעט אים זיי מתפלל!

איז אזוי ווי מיר האבן געזאגט, זאגט דא דער רבי:"**כשאתה רוצה לשא תפילתך תתפלל בעד ישראל**". אז דו ווילסט אויפהייבן דיין תפילה, דאוון פאר כלל ישראל, דאוון פאר אנדערע. מ'רעדט פון אלעמען, ס'איז א אנדער זאך! ס'ווערט א העכערע סארט תפילה.

[**שואל:** לערנסט אז ס'איז א עצה צו אויפהייבן די תפילה, ס'זאל זיך דאווענען גוט, איז דאוון אויף כלל ישראל - אויפהייבן מיינט נישט אז ס'זאל ארויפגיין אויבן?!] נישט אזוי איז דער טייטש, די תפילה דארף זיך אויפהייבן, ס'איז א נידעריגע תפילה, זאל זיך אויפהייבן די תפילה.

[**שואל:** איך זאג אז "ס'הויבט זיך אויף" - מיינט צו זאגן ס'איז א שוואכע תפילה אבער ס'הויבט זיך אויף, ס'גייט ארויף אויבן.. דו זאגסט אז זיין תפילה אליין וועט ווערן גוט, ס'וועט זיין א העכערע תפילה] ס'הויבט אויף די תפילה. נו, דאס איז דער טייטש. דאס איז דער פירוש פון די ווערטער.

[**שואל:** אויפהייבן קען זיין אזוי ווי דער צדיק איז מעלה אונזערע תפילות, איז דא דער חלק וואס ער מאכט אונז דאווענען געשמאקער, און ס'איז דא דער חלק וואס ער איז עס מעלה אויבן אין הימל. איז וואס רעדט מען דא?] מ'דארף אויפהייבן א תפילה, וואס איז דער טייטש? - די תפילה איז נידעריג, מ'דארף עס אויפהייבן. זאגסט, מ'קען אויך נאך א זאך (אז "לישא תפילתך" מיינט ארויף נעמען און מעלה זיין די תפילה אויבן אין הימל..) אבער דאס שטייט. א דיבור פון רבי'ן איז כולל; שטייט דאס, איז עס דאס. ווילסט זאגן נאך עפעס, קענסט זאגן נאך עפעס. נעמסט נישט אראפ.

דעם רבינ'ס זאך איז א זאך פון "**הקדמות**[יז]". יעדע זאך וואס דער רבי זאגט איז א כלליות. נישט דער רבי זאגט 'נאר דאס' - **אויך דאס**, אבער דאס אויכעט. פארוואס זאגט דער רבי אז מען לערנט ליקוטי מוהר"ן, ווערט מען א "**בעל מוח**[יח]" - ווייל אז מען לערנט נישט קיין ליקוטי מוהר"ן, איז א גאנצע צייט מיינט מען 'אפשר מיינט עס נישט דאס, אפשר מיינט עס נישט'.. [ס'איז מצומצם]. אבער ביים רבי'ן גייט פארקערט, אז מ'לערנט ליקוטי מוהר"ן, לערנט מען; די זאך אויך, אויך דאס, און אויך דאס. פארברייטערט מען, באקומט מען א ברייטן מח.

עכ"פ, זאגט דא דער רבי נאך א זאך: "**מי שמציל את העני מחזק ממנו**" - איינער גייט זיך אננעמען פאר א ארעמאן א שוואכער, צו אים ראטעווען פון דער שטארקער. איינער רודפ'ט אים, און ער נעמט זיך אן פאר אים - "

---

**יז.** ראה שיחות הר"ן שיחה ר': אָמַר: **כָּל הַתּוֹרָה שֶׁלִּי הִיא כֻּלָּהּ הַקְדָּמוֹת**. וראה בחיי"מ שכ"ד: אָמַר לִפְנֵי רַבִּי יִצְחָק מִטֶּאֶרְוִויצֶע עָלַי {מוהרנ"ת}, שֶׁלְּעִנְיַן אֲמִירַת תּוֹרָה הוּא חָד בְּדָרָא. וְשָׁאַל אוֹתוֹ הֲלֹא יֵשׁ וְכוּ' וְהֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ ז"ל אֲבָל הֵיכָן יֵשׁ לוֹ **הַהַקְדָּמוֹת שֶׁלָּנוּ**. וכדברי מוהרנ"ת בהקדמת הליקו"ה: וְכָל מַה שֶּׁזִּכַּנִי ה' יִתְבָּרַךְ לְחַדֵּשׁ בָּהֶם הַכֹּל מְיֻסָּד עַל פִּי הַהַקְדָּמוֹת וְהַיְסוֹדוֹת שֶׁקִּבַּלְתִּי מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. [..] כִּי בְּעֶזְרַת ה' יֵשׁ בִּסְפָרִים אֵלּוּ בְּרֹב הַמְּקוֹמוֹת דְּבָרִים עֲמֻקִּים הַרְבֵּה, כִּי יְסוֹדוֹתָם בְּהַרְרֵי קֹדֶשׁ **עַל פִּי הַהַקְדָּמוֹת הַנּוֹרָאוֹת שֶׁגִּלָּה רַבֵּנוּ** וכו' אֵין שִׁעוּר וְאֵין קֵץ לְהָעֲמָקוֹת שֶׁיֵּשׁ בּוֹ עַד אֵין סוֹף וְתַכְלִית כַּאֲשֶׁר יָבִין כָּל חַד כְּפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּיהּ וכו'.

**יח.** ראה חי"מ שמ"ז: פַּעַם אַחַת הָיָה מְזָרֵז אֶת אֶחָד לִלְמֹד אֶת סִפְרוֹ. וְאָמַר שֶׁהוּא מִצְוָה גְּדוֹלָה לִלְמֹד סִפְרוֹ הַרְבֵּה. **וְאָמַר לוֹ שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה "בַּעַל מֹחַ גָּדוֹל" עַל־יְדֵי סִפְרוֹ - כִּי יֵשׁ בּוֹ שֵׂכֶל גָּדוֹל וַעֲמִקוּת נִפְלָא מְאֹד עַל־פִּי פְּשׁוּטָן שֶׁל דְּבָרִים**. וְגַם אִם יַתְמִידוּ בִּסְפָרָיו יְכוֹלִין לִזְכּוֹת לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, וְאָז יִזְכֶּה לִרְאוֹת הַפְּנִימִיּוּת שֶׁיֵּשׁ בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים **כִּי יֵשׁ בָּהֶם פְּנִימִיּוּת הַרְבֵּה מַה שֶּׁאֵין נִרְאֶה עַל־פִּי פְּשׁוּטוֹ כְּלָל**. אַשְׁרֵי הַזּוֹכֶה לִלְמֹד וּלְהַתְמִיד בָּהֶם הַרְבֵּה. [וראה בליקו"מ תורה רע"ט על תורת הצדיק האמת שהוא צר מלמטה ורחב מלמעלה, ובחיי מוהר"ן אות ש"ס, הוא גם ענין של מועט המחזיק את המרובה וכו'.]

**הַכֹּחַ הוּא בְּנָקֵל בְּאוֹתִיּוֹת הַתְּפִילָּה**", האט ער שפעטער כח צו דאווענען. אז מ'נעמט זיך אן פאר א צווייטן, האט מען א כח.

אוואו שטייט עס[יט]? - ביי 'נשמת', "**כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה ה' מִי כָמוֹךָ מַצִּיל עָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ וְעָנִי וְאֶבְיוֹן מִגֹּזְלוֹ**". וואס איז פשט? אזוי ווי מיר האבן געזאגט פריער, ווייל די מידה פון דעם אויבערשטן איז אז ער איז 'מציל עני מחזק ממנו', איז אז דו ביזסט עוסק אין די מידה פון זיין 'מציל עני מחזק ממנו', ביסטו זיך מדבק אין דעם אויבערשטנ'ס מידה, קענסטו דאווענען מיט 'כל עצמותי'.

דאס אליין איז א מורא'דיגער דערהער אין תפילה, א מענטש זאגט: רבש"ע, דו ביזסט 'מציל עני מחזק ממנו'. 'כל עצמותי תאמרנה' - וואס זאגן מיינע אלע עצמות, וואס זאג איך מיט מיינע אלע ביינער, וואס זאג איך?! - 'ה' מי כמוך', ווער איז נאך אזוי ווי דיר?! - אז וואס, אז דו ביזסט 'מציל עני מחזק ממנו'!

דו ראטעוועסט א ארעמאן פון ווער ס'איז שטארקער פון אים. וויפל שטארקע איז דא ארום מיר, קליפות, מיט זאכן וואס זיי לאזן מיר נישט לעבן[כ], און דו נעמסט זיך אן צו מיר ארויסנעמען, "**מציל עני מחזק ממנו, ועני ואביון מגוזלו**".

---

**יט.** ראה מ"מ מהרב מטשעהרין, וראה בספר המידות עם פירוש עוטה אור.

**כ.** ראה במדר"ר בראשית נ"ד, א: אֹיְבֵי אִישׁ אַנְשֵׁי בֵיתוֹ - **זֶה יֵצֶר הָרָע** {שהוא אויב קבוע תמיד לאדם מיום לידתו עד יום מותו}. בְּנֹהַג שֶׁבָּעוֹלָם אָדָם גָּדֵל עִם חֲבֵרוֹ שְׁתַּיִם שָׁלֹשׁ שָׁנִים בִּכְרָךְ וְהוּא קוֹשֵׁר לוֹ אַהֲבָה, וְזֶה גָּדֵל עִם אָדָם מִנְּעֻרוּתוֹ עַד זִקְנוּתוֹ, אִם מָצָא בְּתוֹךְ שִׁבְעִים הוּא מַפִּילוֹ, בְּתוֹךְ שְׁמוֹנִים הוּא מַפִּילוֹ, הוּא שֶׁדָּוִד אוֹמֵר (תהלים לה, י): **כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה ה' מִי כָמוֹךָ מַצִּיל עָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ** {מיצר הרע החזק ממנו}**, וְעָנִי וְאֶבְיוֹן מִגֹּזְלוֹ**, אָמַר רַבִּי אַחָא **וְכִי יֵשׁ גַּזְלָן גָּדוֹל מִזֶּה?!** {שגוזל נשמתו של האדם}. וראה בהלכות גזילה ה, י"ז: וְעַל כֵּן נִקְרָא הַיֵּצֶר הָרָע גַּזְלָן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, מַצִּיל עָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ וְעָנִי וְאֶבְיוֹן מִגּוֹזְלוֹ. וְכַמְבֹאָר בַּמִּדְרָשׁ עַל פָּסוּק זֶה, עַיֵּן שָׁם (בְּפָרָשַׁת וַיֵּרָא נד). ובהל' פריקה וטעינה ד, כח: כִּי ה' יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה נִסִּים וְנִפְלָאוֹת נִגְלִים וְנִסְתָּרִים עִם כָּל אָדָם בְּכָל יוֹם וָיוֹם וְכַנַּ"ל וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב, צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק וְכוּ' וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה כָּל יוֹם וְכוּ' וְלוּלֵא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ וְכוּ' כִּי ה' לֹא יַעַזְבֶנּוּ בְּיָדוֹ וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב,

ס'איז דא א עני ואביון, איז דא גזלנים, און מ'גזל'ט, מ'בא'גזל'ט אים. ער גזל'ט אים! דער גזלן האט שוין נישט פון וועמען צו גזל'ענען.. ער האט געטראפן עפעס א עני ואביון, זוכט ער אים צו גזל'ענען - פון די גבירים האט ער מורא.

## "ברכת השנים בתשיעית"

איך האב פונקט געזעהן א גמרא, די גמרא זאגט, א אינטרעסאנטע זאך[כא]: **ומה ראו לומר ברכת השנים בתשיעית,** פארוואס זאגט מען די ברכה פון "ברכת השנים" די נײַנטע ברכה? ענטפערט די גמרא: **כנגד מפקיעי שערים, דכתיב שבור זרוע רשע.**

זאגט רש"י[כב]: **"שבור זרוע רשע" אלו המייקרין את התבואה ומפקיעין את השער,** די וואס זיי מאכן טייער די תבואה און זיי הייבן אויף די פרייזן, זיי זענען דער "זרוע רשע".

---

מַצִּיל עָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ וְכוּ'. וראה בליקו"ה ברכת הפרות ה, ט: בִּבְחִינַת מַצִּיל עָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ וְכוּ' **שֶׁנֶּאֱמַר עַל הַנְּפָשׁוֹת הַנִּצּוֹלִים מֵהַסִּטְרָא אָחֳרָא**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּמִדְרָשׁ רַבָּה (וַיֵּרָא פָּרָשָׁה נד). כִּי הֶעָנִי הוּא בִּבְחִינַת אֲבֵדָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, לוּלֵא תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי אָז אָבַדְתִּי בְעָנְיִי וכו'. וראה בעל"ת קס"ו: וְעַל כֻּלָּם הוּא הַשּׂוֹנֵא הַגָּדוֹל שֶׁבְּתוֹךְ הָאָדָם בְּעַצְמוֹ שֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מֵחָדָשׁ אֲשֶׁר עַל זֶה נֶאֱמַר "צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק וְכוּ' וַה' לֹא יַעַזְבֶנּוּ בְיָדוֹ" ואלמלי הקב"ה עוזרו וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל. וְגַם עַל זֶה אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה "מַצִּיל עָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ" וְכוּ'.

**כא.** מגילה יז: ושם מביאה הגמ' סוגיא שלימה על סדר הברכות בשמו"ע שתיקנו אנשי כנסת הגדולה. ודברי הגמ' שם הובאו בטור או"ח בהל' תפילה (סי' ק"י - קכ"ב).

**כב.** וזל"ש: שבור זרוע רשע. אלו המייקרין את התבואה ומפקיעין את השער וממאי דבמפקיעי שערים כתיב דכתיב בההיא פרשתא יארב במסתר כאריה בסוכו יארוב לחטוף עני וכי הליסטים אורב את העני והלא את העשיר הוא אורב אלא במפקיעי שערים הכתוב מדבר שרוב דעתם לעניים הוא וקא בעי דוד רחמי עלה דמילתא שבור זרוע רשע ותן שובע בעולם ובכך זרועו שבור ורע תדרוש רשעו בל תמצא וזה שהיה בדעתו להיות רשע כשתדרוש רשעו לא תמצא עולה שלא הספיק לעשותה.

**וממאי דבמפקיעי שערים כתיב** - פון וואנעט ווייס איך אז דער מזמור וואס רעדט פון 'שבור זרוע רשע', רעדט ער פון מפקיעי שערים. **דכתיב בההיא פרשתא**, ס'שטייט אין יענע פרשה, דארטן אין דעם קאפיטל תהילים, **יארב במסתר כאריה בְסֻכֹּה, יארוב לחטוף עני**, אז ס'איז דא איינער וואס ער לאקערט ווי א לייב, ער באהאלט זיך אין זיין לעכל, און לאקערט צו כאפן דעם ארעמאן.

דארף מען פארשטיין - **וכי הליסטים אורב את העני**, דער גזלן זוכט צו לאקערן אויפן ארעמען דווקא? - **והלא את העשיר הוא אורב**. נארמאל א 'ליסטים', גייט ער אוןווארט אפ די גבירים, זיי האבן פולע קעשענעס.. [איז וואס איז פשט אין "יארוב לחטוף עני"?]

ענטפערט רש"י: **אלא במפקיעי שערים הכתוב מדבר**. מ'רעדט דא פון די "מפקיעי שערים". וועגן וואספארא סארט גזלנים רעדט מען, נישט פון קיין געווענליכע גזלנים וואס זיי וואַרטן אין די וועלדער, נאר מ'רעדט דא פון אזעלכע גזלנים "מפקיעי שערים" - **שרוב דעתם לעניים**. דער 'עיקר דעתם' וואס זיי טראכטן ווען זיי הייבן אויף די פרייזן, איז פאר די עניים (דערפאר רעדט דער פסוק פון א גזלן וואס לאקערט די ארעמלייט).

[יעצט רעדט מען ארום אז מ'האט געהעכערט די פרייזן פון די **'חד פעמי'** כלים, און פון די געטראנקען, פון די **'זיסע געטראנקען'** (משקאות מתוקים). זאגן זיי אלע, ס'מיינט נאר; ווען מען מיינט מען, ער האט געטראפן א וועג, ס'איז דא אסאך ארעמעלייט, די ארעמעלייט מוזן דאך קויפן די זאכן. ווער ניצט די כלים, ווער ניצט די אלע פשוט'ע געטראנקען? די ארעמעלייט! - זאלן זיי זיך מוטשען, זאלן זיי זיך מוטשען און זיי זאלן צאלן מער, מ'וועט העכערן די שטייערן (מיסים), און זיי זאלן צאלן מער, און דער גביר וועט רייך ווערן אויפן חשבון פון די ארעמעלייט.

אזוי ווערט מען רייך, מ'מארדעוועט אויס די ארעמעלייט מער, מ'שמאטשקעט אויס די ארעמעלייט נאך מער; נישט געפערליך, זאל ער ארבעטן, זאל ער ארבעטן נאך אפאר שעה! זאל דער מאן ארבעטן, די ווייב ארבעטן, שיקן די קינדער ארבעטן, זאלן אלע זיי ארבעטן, אלע אלע זאלן

ארבעטן.. מ'זוכט נאך וועגן ווי אזוי צו קענען מאכן פון מענטשן קנעכט, אלע זאלן דארפן ארבעטן שווער און ווערן ארעם. און ער דער גביר זאל קענען רייך ווערן - דאס הייסט **"מפקיעי שערים!"**]

איז רש"י ממשיך: **וקא בעי דוד רחמי עלה דמילתא, שבור זרוע רשע ותן שובע בעולם** - ברענג אריין א זעטיגקייט אין דער וועלט – **ובכך זרועו שבור ורע תדרוש רשעו בל תמצא.** און **וזה שהיה בדעתו להיות רשע,** דער וואס האט געטראכט צו ווערן א רשע, דורך דעם וואס ער וועט קענען הייבן די פרייזן, **כשתדרוש רשעו לא תמצא עוולה, שלא הספיק לעשותה** - ער וועט נישט קענען מאכן די עוולה וואס ער האט געוואלט טאן, ווייל ס'איז געווארן א הרחבה און א שובע, קען ער נישט בארויבן מער און מפקיע זיין די שערים.

איז וואס הייסט עס, ס'איז דא איינער וואס ער רודפ'ט די ארעמעלייט, וואס הייסט מ'רודפ'ט די ארעמעלייט - מ'רודפ'ט די ארעמעלייט הייסט אז מ'איז מפקיע שערים. פשוט מ'זיצט און מ'לאקערט ווי א לייב און מען ווארט אפ די ארעמעלייט.

און דערפאר זאגט מען עס בתשיעית, ווייל ס'שטייט אין קאפיטל ט' (פון תהילים [כג]), דוד המלך האט עס געזאגט אין קאפיטל ט', און דערפאר איז עס די ברכה תשיעית ביי שמונה עשרה.

## די סדר פון "שמונה עשרה"

און פארוואס, די גמרא זאגט דא פארדעם, אז פארוואס גייט אזוי דער סדר הברכות פון שמונה עשרה - די גמרא הויבט זיך אָן אזוי, לאמיר זעהן אביסל פון אינעווייניג.

---

**כג.** בתהלים שלנו הוא במזמור י', עיי"ש ברש"י ותוס' ובמהרש"א.

זאגט די גמרא: **ומה ראו לומר בינה אחר קדושה**, פארוואס זאגט מען די ערשטע זאך 'חונן הדעת' נאך די ברכה פון קדושה ("אתה קדוש") - ווייל פון קדושה קומט בינה ("אתה חונן"). אזוי שטייט א פסוק, **והקדישו את קדוש יעקב ואת אלקי ישראל יעריצו, וסמיך ליה וידעו תועי רוח בינה.** זעהט מען אז מ'וועט זאגן קדושה, וועט אריינקומען דעת אין די וועלט (והקדישו.. **וידעו** תועי רוח בינה") - איז א ראיה אז נאך קדושה דארף קומען דעת. דערפאר נאכדעם וואס מ'זאגט די ברכה פון קדושה, יעצט דארף מען בעטן אויף דעת.

**ומה ראו לומר תשובה אחר בינה** - און פארוואס נאכדעם (נאך "אתה קדוש") גייט תשובה ("השיבנו") - ווייל ס'שטייט, ולבבו יבין ושב ורפא לו. ולבבו יבין – ושב. אז ער וועט האבן דעת וועט ער תשובה טאן. דערפאר זאגט מען "השיבנו" נאך "אתה חונן".

פרעגט די גמרא: **אי הכי** - אויב אזוי, אז דו זאגסט אז תשובה גייט נאך דעת וויבאלד ס'שטייט "ולבבו יבין" און נאכדעם "ושב" - **לימא רפואה בתרא דתשובה**, דארף דאך גיין רפואה גלייך נאך "השיבנו", און פארוואס זאגט מען רפאנו נאָר נאך גאולה ("ראה נא בענינו") [כד].

זאגט די גמרא, ניין. שטייט א פסוק **וישוב אל ה' וירחמהו ואל אלקינו כי ירבה לסלוח**, זעהט מען אז נאך תשובה דארף גיין סליחה (דערפאר זאגט מען "סלח לנו" נאך "השיבנו", און נישט "רפאנו").

פרעגט די גמרא: **ומאי חזית דסמכת אהא, סמוך אהא**, אין דער פסוק שטייט טאקע סליחה נעבן תשובה ("**וישוב** אל ה'.. כי ירבה **לסלוח**"), **אבער** אין דער פריערדיגער פסוק שטייט רפואה נעבן תשובה ("ולבבו יבין **ושב, ורפא** לו"), איז פארוואס זאגט מען נאך תשובה סליחה, און נישט רפואה. ענטפערט די גמרא: **כתב קרא אחרינא, הסולח לכל עוניכי הרופא לכל תחלואיכי הגואל משחת חייכי**, זעהט מען אז נאך סליחה גייט רפואה.

---

**כד.** ווייל אין דעם זלעבן פסוק וואס שטייט אז תשובה איז נאך דעת ("**ולבבו יבין**" און נאכדעם "**ושב**") שטייט דארטן גלייך נאכדעם רפואה (ולבבו יבין, ושב, **ורפא**).

פרעגט די גמרא: **למימרא דגאולה ורפואה בתר סליחה היא** – ס'קומט מיר זאגן, אז גאולה מיט רפואה קומט נאך סליחה, און דערפאר נאך סלח לנו גייט "גואל ישראל" און נאכדעם "רפאנו" - **והכתיב ושב ורפא לו**, שטייט דאך אבער פארט אז נאך תשובה קומט רפואה.

ענטפערט די גמרא: **ההוא לאו רפואה דתחלואים היא, אלא רפואה דסליחה היא.** ס'איז דא צוויי רפואות, ס'איז דא רפואת הנפש און רפואת הגוף. און אז דער אויבערשטער איז מוחל די עבירות (סליחה) ווערט א רפואת הנפש[כה], און דאס איז די ברכה פון גאולה וואס דאס איז רפואת הנפש. און נאכדעם, איז דא א רפואת הגוף[כו], וואס דאס איז די ברכה פון רפאנו.

איז די גמרא ממשיך צו מבאר זיין דעם סדר הברכות: **ומה ראו לומר גאולה בשביעית**, פארוואס די ברכה פון גואל ישראל איז די זיבעטע ברכה? ענטפערט די גמרא: **מתוך שעתידין ליגאל בשביעית**, וויבאלד שביעית, שמיטה, דעמאלטס איז די גאולה (ראה ברש"י[כז]) - **לפיכך קבעוה בשביעית**, די זיבעטע ברכה פון שמונה עשרה.

פרעגט די גמרא: **והאמר מר בשישית קולות**, די גמרא זאגט דאך אין סנהדרין אז "שנה שישית" וועט זיין קולות, קולות איז פחדים[כח]. און **בשביעית מלחמות**, און נאכדעם **במוצאי שביעית בן דוד בא**. איז וואס

---

**כה.** ראה בשמונה פרקים לרמב"ם.

**כו.** החילוק בין ב' סוגי הרפואה יתבאר לקמן בהרחבה עפ"י דברי מוהנ"ת בליקו"ה.

**כז.** ראה ברש"י (ד"ה מתוך שעתידין ליגאל בשביעית)**:** שבוע שבן דוד בא בו חלוק משאר שנים כדאמרינן בפרק חלק וכו'. וזה לשון הגמרא בסנהדרין דף צז: ת"ר שבוע שבן דוד בא בו (שבע השנים לפני שמשיח יגיע} - שנה ראשונה, מתקיים מקרא זה "והמטרתי על עיר אחת ועל עיר אחת לא אמטיר". שניה, חיצי רעב משתלחים. שלישית, רעב גדול ומתים אנשים ונשים וטף חסידים ואנשי מעשה ותורה משתכחת מלומדיה. ברביעית, שובע ואינו שובע. בחמישית, שובע גדול ואוכלין ושותין ושמחין ותורה חוזרת ללומדיה. בששית, קולות. בשביעית, מלחמות. במוצאי שביעית בן דוד בא.

**כח.** ראה שם (סנהדרין צז:) ברש"י ובמהרש"א.

זאגסטו אז ביי שביעית איז די גאולה, ס'שטייט דאך אז ביי שביעית איז די מלחמות, ס'איז נאכנישט די גאולה, די גאולה איז מוצאי שביעית (בשמינית).

ענטפערט די גמרא: **מלחמה נמי אתחלתא דגאולה**. א מלחמה איז אתחלתא דגאולה. במילא דערפאר זאגט מען גאולה בשביעית, ווייל ס'איז אתחלתא דגאולה. [יעצט וועט איר פארשטיין פארוואס די גאנצע 'מדינה' (הציונית) איז אתחלתא דגאולה, ווייל פון ווען ס'איז געווארן א מדינה איז דא א גאנצן טאג מלחמות, ס'איז אתחלתא דגאולה, ס'איז באמת אתחלתא דגאולה..]

אבער וואס איז פשט, וואס הייסט אתחלתא דגאולה? - ס'איז דאך נאר אתחלתא דגאולה, די גאולה אליין איז דאך נאר מוצאי שביעית, האט געדארפט זיין שפעטער די ברכה פון גואל ישראל (ביי די אכטע און נישט ביי די זיבעטע)?!

איז רש"י זאגט, א אינטערעסאנטע זאך: **ואע"ג דהאי גאולה**, די גאולה פון "גואל ישראל" **לאו גאולה דגלות היא**, רעדט מען דאך נישט פון א גאולה [השלימה] פון ארויסגיין פון גלות - **אלא שיגאלנו מן הצרות הבאות עלינו תמיד**. די ברכה פון גואל ישראל, רעדט טאקע נישט פון קיין גאולה, ס'רעדט פון די גאולה אינמיטן, פון אתחלתא דגאולה, ביי די מלחמות אליין.

ס'איז דא מלחמות, די פחדים, אלע פחדים פון עקבתא דמשיחא; ס'טוט זיך מלחמות.. - איז דער אויבערשטער העלפט אונז, "אתחלתא דגאולה". אין דעם גלות לייזט ער אונז אויס, אז דער גלות זאל אונז נישט קענען אינגאנצן ח"ו אונטערברענגען, אזוי ווערן מיר אויסגעלייזט פון אונזערע צרות. "**ראה נא בענייננו וריבה ריבנו**", דער אויבערשטער שלאגט זיך מיט אונז אין די מלחמות (נאך פאר די "גאולה" אליין) - דאס הייסט "**אתחלתא דגאולה**".

טאקע די גאנצע גאולה פון מקבץ זיין די אידן און 'בנין ירושלים' און 'מלכות בית דוד' דאס שטייט שפעטער אין שמו"ע מיט עקסטערע ברכות פאר זיך. אבער **ואפילו הכי כיוון דשם גאולה עלה, קבעוה בשביעית**. וויבאלד ס'רופט זיך גאולה, דערפאר איז דאס די זיבעטע ברכה, וואס בשביעית איז די מלחמות וואס איז אתחלתא דגאולה, דאס איז שביעית.

יעצט, און וואס איז מיט די אכטע ברכה ("רפאנו"), פארוואס איז רפואה בשמינית - זאגט די גמרא: מתוך שניתנה מילה בשמינית, מילה איז דאך בשמינית, א ברית מילה איז דאך דעם אכטן טאג, און א מילה דארף האבן א רפואה, נאך די מילה דארף מען האבן א רפואה (פאר דעם קינד), איז דערפאר איז די ברכה בשמינית.

נאכדעם גייט: **ומה ראו לומר ברכת השנים בתשיעית**, זאגט די גמרא צוליב מפקיעי שערים וכו'. [אזוי ווי מיר האבן שוין גערעדט פריער..]

איז וואספארא שייכות האט עס די אלע זאכן? - זעט מען איין זאך, ס'גייט א סדר, אז מ'זאגט קדושה, באקומט מען שכל. נאך דעם-שכל, טוט מען תשובה. נאך תשובה, איז סליחה, וואס דאס איז די ערשטע רפואה, 'ושב ורפא לו' (רפואת הנפש). נאכדעם, איז דא די גאולה, וואס איז די גאולה פון די מלחמות; אין (מיטן) די מלחמות. נאכדעם, איז דא די רפואה (רפואת הגוף), און נאכדעם איז דא די נײנטע, פון די מפקיעי שערים.

## "רְפָאֵנוּ ה' – וְנֵרָפֵא"

איז קומט אויס אזוי, אז די אכטע דאס איז די רפואה, און ווען איז דאס, דאס איז "מוצאי שביעית". זעט מען אז די רפואה אליין איז א חלק פון די גאולה - אז שביעית איז אתחלתא דגאולה, און שמינית דעמאלטס איז די גאולה - איז דאס איז די רפואה ("רפאנו").

פרעגט [כט] רבי נתן אין ליקוטי הלכות, ווייל דעם ברית מילה איז בשמינית, דערפאר דארף מען אלע ברכות פון רפואה זאגן בשמינית? ווייל עפעס

**כט.** ראה ליקו"ה פסח ח, ו: אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל: מִפְּנֵי מָה קָבְעוּ בִּרְכַּת רְפוּאָה בַּשְּׁמִינִית? מִפְּנֵי מִילָה שֶׁנִּתְּנָה בַּשְּׁמִינִי, שֶׁצְּרִיכָה רְפוּאָה. כִּי בֶּאֱמֶת מִילָה הוּא עִקַּר רְפוּאַת הַנֶּפֶשׁ, כִּי עַל־יְדֵי כְּרִיתַת הָעָרְלָה נִתְגַּלֶּה בְּחִינַת בְּרִית שָׁלוֹם, שֶׁזֶּה בְּחִינַת רְפוּאָה, בְּחִינַת "שָׁלוֹם שָׁלוֹם וְכוּ' אָמַר ה' וּרְפָאתִיו". אַךְ מֵחֲמַת שֶׁדֶּרֶךְ הַשָּׁלוֹם לְהִתְלַבֵּשׁ בִּמְרִירוּת, וְזֶה בְּחִינַת צַעַר וּכְאֵב הַמִּילָה, כִּי צְרִיכִין לִסְבֹּל מְרִירוּת

איינמאל אין לעבן דארטן מאכט מען א ברית און נאכדעם דארף מען א שטיקל רפואה, איז אלע רפואות ב"שמינית"?!

זאגט ר' נתן א מורא'דיגע זאך: דער ברית, מיינט נישט נאר דעם ברית וואס מען מל'עט ביי די אכטע טאג - נאר 'ברית' דאס איז דער "**תיקון הברית**". יעדער מענטש דארף אריבערגיין, יעדער מענטש גייט אריבער מלחמות, גרויסע מלחמות, אויף תיקון הברית. איז דער ברית, דער ברית דאס איז די רפואה.

אזוי ווי דער ברית נעמט אראפ די ערלה (ערלת הגוף), אזוי א גאנצן לעבן דארף מען אראפנעמען די ערלה (ערלת הלב) פון דעם מענטשן. דאס איז די מרירות וואס גייט איבער אויפן מענטשן, אלע מיני מרירות וואס גייט איבער אויפן מענטשן - דאס איז א ברית.

און אזוי ווי דער ברית טוט וויי, מ'פארגיסט אים די בלוט און מיט דעם איז מען אים מקדש, אזוי אלע איבערגייעענישן וואס עס גייט איבער אויפן מענטשן, אלע חולאים, אלע מחלות, אלץ וואס א מענטש איז קראנק.. - דאס אליין איז א רפואה. די מחלה אליין איז א רפואה, ס'איז א ברית, ס'הייליג'ט אויס דעם מענטש. [פארוואס האט דער רבי געזאגט נישט גיין צו קיין דאקטער, ווייל די אלע מחלות אליין איז א רפואה].

אבער נאכדעם, די רפואה, די מחלה - דער ברית איז א מחלה, מ'שניידט, ס'גיסט בלוט, און די זעלבע זאך אלע מחלות וואס א מענטש האט - אבער די רפואה אליין דארף אויכעט א רפואה. איך האב א מחלה כדי צו ווערן אויסגעהיילט פון מיינע חולאים, פון מיין חלאי הנפש, דארף איך איבער גיין די מחלות און חלאי הגוף - דאס איז די רפואה. קומט אויס דער חולי הגוף איז א רפואת הנפש, אבער דער חולי הגוף דארף אויכעט א רפואה!

---

וְצַעַר כְּשֶׁרוֹצִין לִזְכּוֹת לְשָׁלוֹם, שֶׁהוּא בְּחִינַת תִּקּוּן הַבְּרִית, רְפוּאַת הַנֶּפֶשׁ; אַךְ אַחַר־כָּךְ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְרַחֵם וּמְרַפֵּא אוֹתוֹ גַּם מִזֶּה הַצַּעַר וְהַכְּאֵב שֶׁהָיָה צָרִיךְ לִסְבֹּל בִּשְׁבִיל רְפוּאַת נַפְשׁוֹ. וְזֶה בְּחִינַת "רְפָאֵנוּ ה'" - בְּחִינַת הָרְפוּאָה הָרִאשׁוֹנָה, שֶׁדַּרְכָּהּ לְהִתְלַבֵּשׁ בְּצַעַר וּמְרִירוּת, אַךְ אַחַר־כָּךְ "וְנֵרָפֵא" - שֶׁנִּזְכֶּה תֵּכֶף לְקַבֵּל רְפוּאָה גַּם עַל זֶה כַּנַּ"ל (אוצר היראה מילה אות ו).

איז רבי נתן מסביר אז דערפאר זאגט מען "**רְפָאֵנוּ ה' וְנֵרָפֵא**", הייל מיר אויס, מאך מיר א ברית, פארגיס בלוט פון מיר - אבער "ונרפא"; הייל מיר אויס פון דעם אויך. דאס מיינט, די אלע חולאים וואס איך האב, דאס וואס א מענטש גייט אריבער א גאנצן טאג ברית'ן, ס'גיסט זיך בלוט פון אים, אלע מיני ביטערקייטן וואס ער גייט איבער איז טאקע א רפואה - אבער "**ונרפא**", הייל מיר אויס פון די ביטערקייט (פון די 'רפואה')!

זאגט ר' נתן, דערפאר איז די "רפואה בשמינית", ווייל אלע חולאים וואס א מענטש האט, קומט פון דעם וואס ער דארף א תיקון. ער דארף עס באמת, ער דארף א רפואה, א רפואה מ'זאל פארגיסן די בלוט, מ'זאל אראפנעמען די ערלה, אראפנעמען די ערלת לב. די אלע זוהמות, די אלע רוח הטומאה וואס מ'דארף אראפנעמען פון אים.

קומט אויס, אז דאס איז די גאולה במוצאי שביעית. אז ס'איז באמת א גאולה, דאס איז א גאולה פאר'ן מענטשן. די שביעית אליין איז "אתחלתא דגאולה", די מלחמות און די ביטערקייט פון די צרות וואס זייער תכלית איז צו גואל זיין און מרפא זיין כלל ישראל. אבער די גאנצע רפואה איז "בשמינית" איז אז מ'היילט אים אויס, מ'היילט אים אויס אז די מלחמות וואס ער האט געהאט [צו אים מרפא זיין און גואל זיין], היילט ער זיך אויס פון דעם, ער ווערט אויסגעהיילט פון דעם אויך. דאס מיינט "**רפאנו ה', ונרפא!**"

## די מחלה אליין איז די רפואה

ווייל דער רבי זאגט - ר' נתן זאגט עס אויף דעם וואס דער רבי זאגט אין **תורה כ"ז**[ל] אז די רפואות איז שלום, אבער דער שלום איז זיך מתלבש

---

**ל.** ראה ליקו"מ תורה כ"ז: וְדַוְקָא בְּמָרָה קִבְּלוּ שַׁבָּת שָׁלוֹם, כִּי דֶּרֶךְ הַשָּׁלוֹם לְהִתְלַבֵּשׁ בִּמְרִירוּת בִּבְחִינַת: "הִנֵּה לְשָׁלוֹם מַר לִי מָר" (יְשַׁעְיָה לח, יז). כְּמוֹ שֶׁכָּל הָרְפוּאוֹת הֵם סַמִּים מָרִים, כֵּן הַשָּׁלוֹם שֶׁהוּא רְפוּאָה לְכָל הַדְּבָרִים בִּבְחִינַת: "שָׁלוֹם לָרָחוֹק וְלַקָּרוֹב אָמַר ה' וּרְפָאתִיו" (שָׁם נז, יט),

במרירות, "**הִנֵּה לְשָׁלוֹם מַר לִי מָר**". דערפאר יעדער שלום קומט דורך מחלוקת, אלע מלחמות איז למעשה א רפואה. די ביטערקייט פון די מלחמה, דאס אליין היילט אויס דעם מענטשן.

אבער אויף דעם דארף מען אויך א רפואה. דאס אליין, אויב די מחלוקת היילט אויס, די מחלוקת היילט [טאקע] אויס - אבער די מחלוקת אליין דארף האבן א רפואה!

ס'קוקט אויס אז ס'איז א מחלוקת, אבער למעשה איז עס א שלום! יעדע מרירות, אזוי ווי א מענטש איז קראנק גיבט מען אים א ביטערע רפואה, ווערט ער ערגער.. - אבער דאס וואס ער ווערט [יעצט] ערגער, דאס איז צו אים מאכן בעסער.

אזוי א מענטש, די אלע, אלעס וואס א מענטש האט; אלע זוהמות, דאס רופט זיך א מחלוקת[לא]. אבער, שיקט מען אים א ביטערקייט כדי צו אים מרפא זיין, קוקט אויס אז ס'ווערט ערגער, ס'ווערט א מחלוקת.. - אבער דאס אליין, דאס אליין איז שלום.

אבער וואס, שפעטער דארף מען אים אויסלייזן פון דעם אליין - -

[**שואל:** וואס הייסט אז אלע מחלוקת'ן איז שלום?]

יעדער מחלוקת; צוויי מענטשן זענען אין א פירוד, יא?! רעדן זיי נישט איינער מיטן צווייטן, און וואס וועט זיין דער תכלית, מ'וועט זיך אייביג קריגן?

---

דַּרְכּוֹ לְהִתְלַבֵּשׁ בִּמְרִירוּת. כִּי כָּל הַחֳלָשׁוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן הֵם בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת, שֶׁיֵּשׁ מַחֲלֹקֶת בֵּין הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת שֶׁאֶחָד מִתְגַּבֵּר עַל חֲבֵרוֹ, וְצָרִיךְ לִרְאוֹת שֶׁיִּהְיֶה לוֹ שָׁלוֹם, שֶׁהוּא הָרְפוּאָה, וְכֵן חוֹלִי הַנֶּפֶשׁ הוּא בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת, שֶׁיֵּשׁ מַחֲלֹקֶת בֵּין הַנְּשָׁמָה וְהַגּוּף, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "אֵין שָׁלוֹם בַּעֲצָמַי מִפְּנֵי חַטָּאתִי" (תְּהִלִּים לח, ד), וּצְרִיכִין לְקַבֵּל רְפוּאוֹת עַל־יְדֵי מְרִירוּת. (מקיצור ליקוטי מוהר"ן).

**לא.** ראה תורה כ"ז שיש שלום בגופו (בין הד' יסודות) ושלום בנפשו (בין החומר לצורה). ראה שם בקל"מ: כִּי כָּל הַחֳלָשׁוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן הֵם בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת, שֶׁיֵּשׁ מַחֲלֹקֶת בֵּין הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת שֶׁאֶחָד מִתְגַּבֵּר עַל חֲבֵרוֹ, וְצָרִיךְ לִרְאוֹת שֶׁיִּהְיֶה לוֹ שָׁלוֹם, שֶׁהוּא הָרְפוּאָה. וְכֵן חוֹלִי הַנֶּפֶשׁ הוּא בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת, שֶׁיֵּשׁ מַחֲלֹקֶת בֵּין הַנְּשָׁמָה וְהַגּוּף, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "אֵין שָׁלוֹם בַּעֲצָמַי מִפְּנֵי חַטָּאתִי". (וראה באריכות בליקו"ה כתובת קעקע ג' המיוסדת על התורה הזאת).

- איז מען זיי מקרב איינער צום אנדערן, הויבן זיי זיך אן קריגן, פון דעם וואס מ'קריגט זיך אויס, פון דעם ווערט א רפואה. מ'טענה'עט זיך, מ'שרייט זיך אויס.. פון דעם ווערט א רפואה.

אזוי יעדער זאך, איז אזוי. א מחלה פון גוף איז אויך אזוי, א מענטש האט אין זיך זאכן וואס איז נישט גוט, ביז ס'איז זיך מתגבר, ס'ווערט שטארק, א שטארקע מחלוקת פון די יסודות אינעווייניג[לב], ווערט א מחלה, פון דעם ווערט ער אויסגעהיילט.

[שואל: ר' נתן האט געזאגט[לג] אז ער קען נישט פארליידן אפילו אז ער זעט ווי צוויי טרעגערס קריגן זיך..]

יא, אוודאי. [ש: אבער ס'ברענגט שלום..] דאס איז די נחמה (די רפואה), אבער נישט ביי דעם דארף עס בלייבן. ער מוז זיך מחזק זיין אז דאס, פון דעם וועט ארויסקומען גוט'ס..

[שואל: מ'זאגט אלעמאל אז ס'איז בעסער צו זיך דערווייטערן כדי זאלן זיך נישט קריגן.. צוויי וואס האלטן נישט די זעלבע זאך, קענען נישט ברענגען קיין תועלת..]

בסדר! ווייל מ'קען נישט פארנעמען די מרירות, ער קען נישט פארנעמען די רפואה, איז דערווייטערט מען זיך.. אבער באמת דארף מען אלעמאל, צום סוף מאכט דער אויבערשטער אז מ'מוז, ס'מוז אריבערגיין א מרירות, כדי צו ווערן אויסגעהיילט.

ס'איז אלץ [גרויסע און טיפע] זאכן.. כ'זאג עס מיט איין ווארט, ס'איז, די אלע זאכן שטייט באריכות, איך זאג נישט קיין שום אייגענע זאך דא....

---

**לב.** ראה שם בתורה: וְשָׁלוֹם בְּגוּפוֹ - בְּאַרְבַּע מָרוֹת שֶׁלֹּא תִּתְגַּבֵּר אַחַת עַל חֲבֶרְתָּהּ. וראה בשערי קדושה לרבי חיים ויטאל (א,א): ונמצא כי גוף האדם הנוצר מארבעה היסודות התחתונים, והנה הם כלולים טוב ורע, וגוף האדם נוצר מן הטוב שבארבעה יסודות - אש, רוח, מים, עפר, אמנם מן הרע שבהם נוצרו בגוף ארבע מרות שהם - הלבנה, והשחורה, והאדומה, והירוקה. וכאשר תתגבר איזה מהם מבחינת הרע שבהן, על בחינת הטוב שבהן, באים חלאים ונגעים על האדם, ואם תתגבר ביותר תמית לגוף האדם.

**לג.** ראה שישה"ק ח"ג ז'

עכ"פ, דער עיקר וואס איך האב געוואלט צוקומען ביים סוף, איז דאס אליין, דער שביעית אליין, די אתחלתא דגאולה - אלץ רעדט מען וועגן אונז. און די מוצאי שביעית, די רפואה, איז ווייטער וועגן אונז. און די הפקעת שערים האט אויך מיט אונז, ס'שטייט מפורש אז פאר משיח וועט קומען וועט זיין **"היוקר יאמיר"** [לד]. און דאס וועט זיין, די הפקעת שערים [און די שווריקייט און ביטערקייט וואס אידן מוטשען זיך מיט דעם..] דאס אליין איז די גאולה! ס'איז אלץ, דער גאנצער סדר גייט, א סדר פון די גאולה.

דער גאנצער סדר פון דעם גאנצן דאוועגען, גייט אלעס נאך א שלב און נאך א שלב. ס'גייט ווייטער, שפעטער גייט 'תקע בשופר גדול', שפעטער גייט 'השיבה שופטינו', שפעטער 'ולמלשינים', שפעטער 'על הצדיקים'. אלעס איז שלבים אין דעם סדר! ס'הויבט זיך אן פון קדושה, דעת, תשובה, נאך א שלב, נאך א שלב, ס'אלץ איין המשך אין דעם סדר פון די גאולה (הכללית והפרטית) - -

## "זיך געפינען" – זיין א חלק פון כלל ישראל

שוין, עכ"פ נחזור לענינינו וואס איך האב געוואלט נאר זאגן, וואס מ'האט גערעדט פריער. אז אלץ וואס מ'איז מתפלל אויף כלל ישראל, האט שייכות

**לד.** סוטה פרק ט משנה ט"ו. [וראה בדעת תבונות לרמח"ל: ומה שעתה בעבור רוב הסתר הפנים נפסדו הדיעות ונתקלקלו כל המעשים, **ומזה נמשך גם כן בבריות עצמם הקלקול והפסדות, כענין שאמרו (סוטה מח ע"א), "ניטל טעם הפירות" וכו' וכל שאר הדברים הרעים שספרו לנו רז"ל**, ואשר רואים אנחנו בעינינו - הארץ והנה תהו ובהו, וכמאמרם ז"ל (סוטה מט ע"ב), "חוצפא יסגא ויוקר יאמיר" וכו', שכל זה הוא תגבורת הרע הגדול, הנה כאשר יגלה כבוד ה' - ישובו כל הדיעות לדרך הישרה, וכל המעשים יהיו מתוקנים כראש, ויהיו בני האדם מתדבקים בקונם, כמו שאמר הכתוב, "אשפוך את רוחי על כל בשר" וכו' ויולד מזה הצלחות הבריות כולם, כענין שנאמר "יהי פסת בר בארץ בראש הרים", "וגר זאב עם כבש" וגו'.]

מיט זיך. למעשה אז דו רעדסט פון כלל ישראל, רעדסטו פון דיר [וואס דו ביסט א חלק פון דעם]. רעדסטו נאר פון דיר האסטו גארנישט גערעדט..

רעדסט פון כלל ישראל - ס'גייט איבער אויף כלל ישראל, ס'גייט איבער 'הפקעת שערים', מ'רודפ'ט.. - אז מ'רודפ'ט כלל ישראל רודפ'ט מען יעדן איינעם, רודפ'ט מען יעדן איינעם בפרטיות.

אז דו שפירסט דעם צער פון כלל ישראל, רעדסט צום אויבערשטן פון כלל ישראל, האסטו אויך א פנים ביים אויבערשטן; רעדסטו פון דיר, איך בין אויכעט א איד. רבש"ע, האסט ליב כלל ישראל, האסט מיר ליב. איך בין, ס'גייט אויף מיר איבער, דאס איז איינע פון די מעשיות פון כלל ישראל. אז מ'רעדט בכלליות "**בתוך כל ישראל**[לה]" איז עס א ענין אחר לגמרי!

למעשה, דער גאנצער דאווענען, דער גאנצער שמונה עשרה - א מענטש ער דאווענט, א גאנצן דאווענען טראכט ער נאר פון 'איך' מיט 'איך' מיט 'איך'.. [אבער] דער גאנצער דאווענען רעדט פון כלל ישראל, אלעס איז בלשון רבים. אלעס רעדט; דער גאנצער המשך פון שמו"ע, גייט איין זאך נאכן צווייטן אלעס פון כלל ישראל - און אין דעם געפינט מען זיך אויכעט.

דער רבי האט געוואלט אז מ'זאל זיך געפינען[לו] - אבער מ'דארף וויסן אז דער געפינען זיך איז נישט א ענין פון ישות, פון 'איך' און 'איך'.. - פארקערט,

---

**לה.** ראה בתפילה כ"ב: וּתְזַכֵּנִי לְהִתְפַּלֵּל אֵלֶיךָ בְּהִתְקַשְּׁרוּת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, שֶׁתִּהְיֶה תְּפִלָּתֵנוּ תְּפִלַּת רַבִּים וְלֹא תִמְאַס אֶת תְּפִלָּתֵנוּ כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, הֶן אֵל כַּבִּיר וְלֹא יִמְאָס. וְיִתּוֹסֵף וְיִתְגַּדֵּל לְמַעְלָה תּוֹסְפוֹת קְדֻשָּׁה רַבָּה וַעֲצוּמָה עַל־יְדֵי תְּפִלָּתֵנוּ.

**לו.** ראה בליקו"מ תורה ק"א תנינא: אָמַר: שֶׁעַל יְדֵי אֲמִירַת תִּקּוּן חֲצוֹת יְכוֹלִין לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ אֶת כָּל אֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ כְּמוֹ עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת כִּי מִסְתָמָא אֵין אוֹמְרִים חֲצוֹת עַל הֶעָבָר וְעִקַּר אֲמִירַת חֲצוֹת הוּא עַל מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה עַכְשָׁו עִם הָאָדָם. וּכְשֶׁיּאמַר חֲצוֹת בִּבְחִינָה זוֹ יְכוֹלִין לִמְצֹא כָּל אֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ בְּתוֹךְ אֲמִירַת חֲצוֹת וְכֵן אֲמִירַת תְּהִלִּים וְכַיּוֹצֵא **צָרִיךְ לִרְאוֹת שֶׁיִּמְצָא אֶת עַצְמוֹ** בְּתוֹךְ כָּל מִזְמוֹרֵי תְהִלִּים וּבְתוֹךְ כָּל הַתְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וּסְלִיחוֹת וְכַיּוֹצֵא. **וּבְקַל בִּפְשִׁיטוּת בְּלִי חָכְמוֹת יְכוֹלִין לִמְצֹא אֶת עַצְמוֹ בְּתוֹךְ כָּל הַתְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וּבִפְרָט בִּתְהִלִּים, שֶׁנֶּאֱמַר בִּשְׁבִיל כְּלַל יִשְׂרָאֵל, בִּשְׁבִיל כָּל אֶחָד וְאֶחָד בִּפְרָט** וְכָל אָדָם כָּל מִלְחֲמוֹת הַיֵּצֶר שֶׁיֵּשׁ עָלָיו וְכָל מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה עִמּוֹ הַכֹּל

דער רבי האט אונז געלערנט אז "**תיקון חצות**" דארף מען זיך געפינען. דער תיקון חצות רעדט פון גאנץ כלל ישראל - נאר זאלסט וויסן אז אלעס וואס גייט איבער אויף כלל ישראל רירט דיר אן. אלץ וואס מיט דיר טוט זיך, האט עס מיט גאנץ כלל ישראל [לז].

שוין, דאס איז א גרויסער לימוד. די זאך, ס'איז איינע פון די זאכן, מ'מוטשעט זיך אסאך אין התבודדות; ווי מ'זאל זיך דערהאלטן אין התבודדות, האבן א חיות אין התבודדות, האבן א חיות אין תפילה. [דארף מען וויסן:] ווילסט מתפלל זיין, דארף מען מתפלל זיין אזוי ווי די ריכטיגע צורה פון תפילה.

איינער, ער וויל נישט וויסן, ער וויל גארנישט וויסן. ער וויל נאר בעטן 'רבש"ע, גיב מיר דארטן וואס איך דארף, און דאס איז דאס.. עס איז אזוי ווי ער זאגט, 'גיב מיר און גיי'.. - ס'גייט נישט אזוי! דערפאר קענסטו טאקע נישט דאווענען. ווילסט דאווענען, וועסטו דאווענען [- ריכטיג], ס'איז דא א צורה ווי מ'דאוונט. ביזסט א איד, דאוון צווישן כלל ישראל, מ'דאוונט אויף כלל ישראל. מ'דאוונט וואס דער רבש"ע וויל פון כלל ישראל.

ס'איז דא א גאנצע מעשה דא, א גאנצע סיפור דא. דאס האט דער רבי געזאגט מען מאכט פון די תורות-תפילות. מען נעמט אלעס; אלעס איז איין גרויסע מעשה - -

[**שואל:** א מענטש וואס האט נישט קיין הרגשה אין מתפלל זיין אויף אנדערע?] מ'האט נישט קיין הרגשה, ווייל ער איז נישט מתפלל! ער וועט מתפלל זיין, וועט ער האבן א

---

מְבאָר וּמְפרָשׁ בִּתְהִלִּים כִּי עִקָּרוֹ נֶאֱמַר עַל מִלְחֲמוֹת הַיֵּצֶר הָרָע וְחֵילוֹתָיו וכו'. וראה עוד שם בתורה קכ"ה.

**לז.** ראה על"ת מכתב קע"א (משנת תקצ"ה): וְכָל הָרַעַשׁ הַזֶּה בִּשְׁבִיל לְעוֹרֵר אוֹתִי וְאֶתְכֶם לַעֲסֹק יוֹתֵר בְּתוֹרָה וּבִתְפִלָּה, וּבִפְרָט בְּשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, שֶׁצְּרִיכִין עַתָּה לְהַרְבּוֹת בָּזֶה בְּיוֹתֵר, שֶׁכָּל אֶחָד יְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הֵן עַל עַצְמוֹ, הֵן עֲבוּרִי, הֵן עַל הַכְּלָל.

הרגשה. ס'גייט נישט אז מ'האט א הרגשה איז מען מתפלל - **אז מ'איז מתפלל, האט מען א הרגשה!**

[**שואל:** איך דארף זיך מכריח זיין צו מתפלל זיין אויף כלל ישראל?] וואס הייסט "מכריח זיין"?! יא, מ'טוט למעשה. יא. [**שואל:** אבער, ס'איז אים בעסער צו מתפלל זיין אויף זיך..] מ'פראבירט!

**די אלע זאכן וואס דו האסט אין רוחניות - דו ביזסט געבוירן געווארן מיט קיין זאך נישט, אלעס האסטו זיך אויסגעלערנט.** אלע זאכן וואס דו האסט; חומש, משניות, גמרא, אפילו די אל"ף בי"ת – אלעס קענסטו נאר ווייל מ'האט דיר אוועקגעזעצט און דיר אויסגעלערנט. וואס דו ווייסט האט מען דיר אויסגעלערנט, קיין זאך איז נישט געווארן אליין!

שוין, **ווילסט גיין יעצט נאך א טריט? - טוה למעשה, טוה וועסטו זעהן!** ביסט נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער, אסאך אידן וואס זיי האבן אריינגעאנגען אין דעם, זענען געווארן גרויס אין תפילה.

ווער ס'וויל זוכה זיין צו די ליכטיגקייט פון תפילה, דארף אריינגיין אין דעם. מ'גייט אריין ווערט מען גרויס, מ'ווערט א בעל מוח.

[**אחד הנוכחים:** דער רבי האט געזאגטלה, אז טוב השם לכל, לכל הטובות שבכל העולמות, אז דאווענען פאר כלל ישראל, אז אלע זאלן זיין צדיקים גמורים, זוכה זיין..] **יא, יא. בעטן, בעטן, בעטן פאר כלל ישראל - -**

[**רח"ב:** שוין, איר דארפט שוין גיין, זאג נאר "רבי חנניא". רבי חנניא בן עקשיא אומר.. יתגדל ויתקדש שמה רבאלט..]

---

**לח.** ראה ליקו"מ קמא תורה י"ד ותורה קי"א תנינא.

**לט.** אחרי פטירת אמו ע"ה היה מבקש בכל חבורה לומר קדיש לזכרה אחרי השיעור.

## שו"ת אחרי השיעור

**ש: א מענטש וואס דאוונט אויף א צווייטן, אבער ער מיינט זיך; ער דארף א ישועה.. האט עס אויך א חשיבות פון דאווענען אויף א צווייטן?**

אז ער וועט דאווענען, וועט ער שוין מיינען.. אז ער וועט דאווענען; ער וועט טון וואס מ'דארף, וועט ער שוין מיינען וואס מ'דארף.

**ש: אבער זיין גאנצע מטרה איז נאר ווייל ער דארף זיין ישועה..**

עה, אזוי מיינסטו, דאס איז די סיבות פארוואס ער דאוונט נישט אויף א צווייטן?! - ער וועט אנהויבן דאווענען וועט ער זעהן אז ער קען די ארבעט.

**ש: ביי וואספארא הלכה רעדט רבי נתן פון די זאך פון מחלוקת און רפואה?**

הלכות פסח (הלכה ח'), אויב איך האב נישט קיין טעות [מראה ומקריא לשון מוהרנ"ת בפנים] ס'גייט אויף תורה כ"ז. די גמרא וואס מיר האבן גערעדט איז אין מגילה (י"ז ע"ב). ס'איז סוגיות ארוכות, דער רבי האט גרויסע סוגיות אין דעם, ווען מ'גייט אריין אין דעם, טרעפט מען גאנצע בריליאנטן.

**ש: מ'גייט אריין אין דעם מיט דאווענען? מיט לערנען אויף דעם?**

לערנען! אבער דער עיקר אז מ'דארף אויכעט דאווענען. אז מ'לערנט, ווי כאפט מען אז דאס שטייט אין דער לערנען - אז מ'דאוונט, באמערקט מען, אז נישט כאפט מען נישט. אז מ'טוט עס למעשה, זעט מען; פארשטייט מען וועגן וואס מ'רעדט. דאס איז די וועג, דאס איז די וועג, מיט דעם קומט מען צו אלעס!

**חזקו ואמצו! אסאך הצלחה, זייט געבענטשט!**

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב

ע״י ר׳ משה פראנק שליט״א

לרגל אירוסי בתו למז״ט

ובזכות מצוות זיכו הרבים

יזכו לבנות בית נאמן בישראל

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב

ע״י ר׳ אליהו ברגר שליט״א

לרגל הולדת בתו למז״ט

ובזכות מצוות זיכו הרבים

יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ״ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב

ע״י ר׳ משה אריה דייטש שליט״א

לרגל הולדת בתו למז״ט

ובזכות מצוות זיכו הרבים

יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ״ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב

ע״י ר׳ אלישע נוימאן שליט״א

לרגל שמחת הבר מצוה

לבנו נחמן נ״ו

ובזכות מצוות זיכו הרבים

יזכו לרוות רוב נחת דקדושה ממנו
ומכיוצ״ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב

ע״י ר׳ יואל רוזנאי שליט״א

לרגל הולדת בתו למז״ט

ובזכות מצוות זיכו הרבים

יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ״ח

בסייעתא דשמיא

# עִקַּר הָרוּחַ חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק

עשרות קוראים מקבלים חיות חדשה בעבודת ה' בדרכו של רביה"ק, בקונטרסי "רוחא דחיי" היוצאים לאור מדי שבועיים, משיעורי הרה"ח ר' חיים בנימין ורטהיימר ז"ל




חסיד ברסלבי!

# קח שותפות קבועה בעסק קדוש זה!

ויהיה לך חלק בזיכוי הרבים הגדול בהארת דעתו של רביה"ק בעולם

**לתרומות:** נדרים פלוס/ נדרים פון מספר קרן **6491** או בקו רוחא דחיי **023024743** שלוחה 1>9